STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05094

HADASAH DI HALUTSE

Shimon Bekerman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הדסה

דיא חלוצה

דוד וועלוויל עסטקאמפאט

אַ דראממע אין 4 אַקטין

פערפאסט אויף דעם ארט פאן **שמר**

פערפאסער שמעון בעקערמאן

נאך דרוק שטרענג פערבאטען.

פרייז 30 קאפ'

בהוצאת ישראל ראזאמאווסקי מוכר ספרים בבערדיטשיב

ДИ ХЛУЦА

т. е.

освобожденная отъ деверного брака

Бердичевъ, Типографія Я. Г. ШЕФТЕЛЯ

פּערזאָנען.

1) **ר׳ שמואל זרח פיינהאָלץ**, איין אַלט מאָדישער יוד, חסידיש געקליידעט, נאָר מיט קאַרצע פּאות׳ן, אַלט 50 יאָהר. האַלט אַפּאָדוואַל מיט בראַנפען.

2) **פראַדיל**, זיין צווייטע פרוי, אַלט 35 יאָהר, יודעש געקליידעט זייער שלעכט אין כאַראַקטער, האָט קיין קינדער מיט איר מאַנן:

3) **מאיר**, זיין עלטרער זאָהן פון ערשטען ווייב. אַ דאָקטער, האָט געענדעגט זיין סטודיום ווערענט ער וואַר אָפּ געגעבען אין קלוזשבע אַלס פראַקטער זעלנער שוין 10 יאָהר איז ער פון פּאַטירם הויז ערוויטערט אונ מעלדעט זיך ניט וויא ער איז. ער דינט יעצט אין ביאַלאָסטאָק אַלס דאָקטאָר דער מעדעצין אין פּאָלק ער איז אַלט 30 יאָהר האָט ניט קיין פרוי.

4) **יאָזעף פיינהאָלץ**, זיין מיטעלער זאָהן, אַלט 25 יאָהר, אַ אידעל מאַנן, אַ יאָהר הערשט נאָך זיין חתונה, האָט נאָך קיין געשעפט, נאָר פּליצלונג ווערד ער קויפמאַן אונ רייזט אָב נאָך ביאַלאָסטאָק נאָך סחורה:

5) **הדסה**, זיין פרוי. אַלט 22 יאָהר, אַ אידעל קינד מיט אגוטען כאַראַקטער. איז עלענד אָהנע עלטערן, אונד אָהנע פריינד.

6) **יאַנקיל**, יאָזעפס אדינער, אַנראַפּער יונג, מיט אַפּערדאַרבענעם כאַראַקטער, האָט זייער ליב געלד, אונד איז אַגרויסער הימריק, אַלט 20 יאָהר.

7) **מרבה**, הדסה׳ס דינסט, אַיונג מיידכען, איז זייער פריי ערגעבען אידרע ווירטין.

8) **בארים וואלדמאן**, יאזעפס קאמפאניאן, אלט יאזעפס יאהרען געהט סאווערעמנע געקליידעט

וויא יאזעף האט נאך קיין פרוי, ניט לאנג האט ער געהערבט פון זיינע עלטערין אגרויס פארמעגין, ער האט געליבט הדסהן ווען זיא וואר נאך פריילין אונד ליבט זיא אויך אצונד נאר זיא האט אים קיין מאהל געליבט, ער איז אבלוטיגער פיינד יאזעפין וויל ער האט זיינע געליבטע פאר אפרוי, דאך ווייסט ער וויא צוא בעהאלטין דיא שנאה בייא זיך, אונ ווייזט זיך פאר אים וויא אפריינד זייגער, ער האט געזוכט פלעניר וויא אזוי יאזעפין צוא בעגראבין אונ האט ענדליך דעם פלאן געפונען פאר גוט: דאס ער זאל מיט אים ווערין אקאמפא-ניאן, מיט אים אפ רייזען נאך ביאלאסטאק סחורה קויפין אונ אויפין וועג אים הארגענין:

9) **דוד וועלוויל**, שמואל זרחם מזיניק, אלט 18 יאהר אגרויסער שוטה, לאזט זיך אויף אלעס אן רעדין פון זיין שטיף מוטער, געקליידעט איז ער חסידעש:

10) **א זעלניר**, א דינטשיק, בייא א דאקטאר אין ביאלאסטאק:

דיא געשיכטע געשיהעט אין בריסק אין אונזערי ציטען.

ערשטער אקט.

(בייא דיזען אקט שפילען אלע פערזאנען זייערי ראליען, אויסער דעם דאקטאר מיט זיין דענטשיק).

(יעדער אקט געשייהעט אין יאזעפס וואוינונג, בייא מארגענטהעע).

סצענע

אגרויסער זאל, רייך פארפוצט, מעבעל נאך דער נייער מאדע אין דער מיט אגלאוונע טיר צום פובליקום. אין דער זייט לינקס אנייטין טיר, גענגען פובליקום שטייט אגרויסער רונדער טיש, אויף אים אפאדנאם, אונ דרויף אגלאז מהעע. נעבין טיש שטייען דרייא שטולען, צווייא שטייען איינער נעבין אנדערין אונ דער דריטער אויף גאנץ ווייט אפ גערוקט צום לינקס. דיא ערשטי שטוהל פון דיא צווייא איז ליידיג, אונ אויף דער צווייטער זיצט הדסה, אן געצויגען אין מארגען קליידער, דעם קאפ שיין פערפוצט, מיט איין האנד איז זיא אונטער געשפארט אויף דער פארענציע פון שטול, אונ דיא צווייטע האנט האלט זיא אויף דעם ברעג פון טיש, אלס דער פארהאנג הייבט זיך אויף, זיצט זיא אפאר מינוטען פערטראכט אונ קוקט פאנטאזעש:

ערשטער אויפטריט

הדסה זעלבסט

הדסה (רעדט געלאסען) מערקווערדיג איז דער מענטש מיט זיינעם נאטאר, קיין מאהל בעניגט ער זיך ניט מיט זיינעם שיקזאל, ער איז שטענדיג אונצופרידען, אונ שטענדיג געפינד ער אז עס פעהלט אים עפיס. איך זעה דאס פון זיך: דאכט מיר איך בין גליקליך, האב אויף מיינעם שיקזאל גאר גיט שוין צוא בעקלאגין זיך: איך האב געהייראטעט אונ געטראפען אמאנן נאך מיינעם ווינטש: מיט איין אידלען כאראקטער מיט אריינעם געוויססען אונ מיט אפול הארץ פון ליבע צוא מיר, אונ דאס טרעפט דאך זעלטין: דען ביא מאנכע פרויען פאסירט דאס איידער זייא קומען צוא אזעלבען טייערען שאץ שטייען זייא גענוג אויס פון ליבעס אינטריגעס, בראטין זיך גענוג אנטגעגען דעם פלאם פון ליבע איידער זייא קומען צוא איר, אונ איך גאטלויב האב דער פון ניט געוויסט, דען באלד וויא איך האב מיך מיט מיין יאזעפין דער קאנט איז ביא אונז געשעהן תנאים, אונ איין קורצע צייט אחתונה, נוא דארף נאך אגרעסער גליק זיין ביא דיא ליעבענדע? (פויזע. זיא נעמט אראפ דיא האנד פון טיש), נאר אזוי

וויא

וויא אין דעם שענסטען זומער טאג, ווען דער הימעל איז לויטער, אונ דיא זוננע שיינט אין איר שטארקייט, דאך טרעפט אז אקליינער וואלקען וויא א מענשליכע האנד לויפט דורך אונ פערטונקעלט דאס זאנענשיין אויף אקליינע ווייליע, זא עבען פערטונקעלט אקליינער אונמיטהיגער געדאנק מיין גליקליכען לעבין. אונ דאס איז: אז שוין א יאהר נאך אונזער הייראט איז. אונ מיין יאזעף האט נאך קיין געשעפט פערפירט אום צו פערזארגען אונזער צוקונפט. אונ מיר לעבען דער וויל פון גרייטין קאפיטאל. (פויזע. זיא נעמט א ראפ דיא האנד פאן וועלכען איר הויפט איז אונטער געשפארט. בלייבט זיצען גלייך) נאר אך! וואס פאר א נארישקייט איך האב דא אויס גירעדט! וויא דום איך בין! איך פערקלאג מיך גאר דרויף וואס מיר מוזין לעבין פון גרייטין קאפיטאל! נוא וואס זאל שוין נעביך זאגין יענע אונגליקליכע וועלכע האבין קיין גרייטין קאפיטאל אויך ניט? (פויזע) יא יעצט זעה איך וויא ריכטיג ער איז דער משל פון א אלטין חכם וועלכער האט פערגליכענט דעם מענשינס נאטור צו איין דארשטיגען וועלכער שטייט נעבען א געזאלצענים טייך אונ טרינקט אירע וואסער. וואס מער ער טרינקט. איז ער מער דארשטיג. אונ טרינקט יעדאך ווייטער מיט דעם האפענונג צו אן טרינקען זיך; אונ אזוי איז דעם מענשינס נאטור: דער מענש שטרעהמט אין זיין גאנצען לעבין נאך גליק, וויא פיהל ער פארמאגט, וויא פיהל זיין שיקזאל גיבט אים קאנן ער ניט זאט ווערין, וואס מער ער פערמאגט נאך מעהר פעהלט אים: (מלכה קומט אריין דורך דער זייטין טיר געקליידעט מיט א ווייסען פארטוך איבער דעם האלדז) :

צווייטער אויפטריט

מלכה, אונד דיא פאריגע פרוי

מלכה (לאזט זיך צוא געהן צום טיש, נאר אלם זיא דער זעהט דעם גלאז טהעע וויל זיא אפ טרעטין צו ריק) :

הדסה, וואס איז מלכה? האכט מיר עפים צוא זאגין?

מלכה, איך האב גימיינט אז איר האט שוין אפ געטרונקען, האב איך געוואלט אייך נאך א גלאז טהעע אריין ברענגין:

הדסה, דו קאנסט די גלאז אויך צו נעמין איך וויל ניט מער טרינקען.

מלכה

מַלְכָּה, (נֶעמְט אַוֶועק דִיא גְלָאז, לָאזְט זִיךְ גֶעהְן צוּ דֶער זַייטִין טִיר).

הֲדַסָּה, (קוּקְט זִיךְ אִים צוּא דֶער גְלָאזֶענֶער טִיר, נָאךְ דֶעם בַּאלְד צוּ מַלְכָּהְן) וֶוער גֵייט דָאס אַרוּם אִין פָאַרְצִימֶּער?

מַלְכָּה, (בְּלַייבְּט שְׁטֵיין מִיט אִיר פָּנִים צוּא אִיר): דָאס אִיז דֶער הֶערְר אַרַיין גֶעקוּמֶען, זַייא טִיעֶן זִיךְ אוּיס אִין פָאר צִימֶּער. (אַבּ דוּרְכִין זַייטִין טִיעֶר).

הֲדַסָּה, (שְׁטֶעלְט זִיךְ אוּיף) אַזוֹי גֶעךְ זָאל יָאזֶעף קוּמֶען פוּן בִּירְזֶע? אִיז עֶפִּים נַייֶעס! (יָאזֶעף אַרִיסְטָאקְרַאטִישׁ גֶעקְלֵיידֶעט מִיט אַ שְׁלַיאַפֶּע אוּיף דֶעם קָאפּ קוּמְט אַרַיין דוּרךְ דֶער גְלָאזֶענֶער טִיעֶר, אוּיף זַיין גֶעזִיכְט אִיז פְרֵיידֶען צֵייכֶענְס):

דְרִיטֶער אוּיפְטְרִיט

יָאזֶעף אוּנְד הֲדַסָּה.

הֲדַסָּה, (לוֹיפְט אִים עֶנְטְקֶעגִין) עֶפִּים זֵייעֶר גִיךְ בִּיזְט דוּ מִיר גֶעקוּמֶען מַיין טַייעֶרֶער; דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דוּא הָאסְט מִיר נַייֶעס גֶעבְּרַאכְט, נִיכְט וַואהר יָאזֶעף? (קוּקְט אִים לִיבּ הַאפְּטִיג אִין דִי אוֹיגֶען):

יָאזֶעף, (נֶעמְט אִיר גֶעאַרֶעמְט, גֵייט מִיט אִיר צוּם טִישׁ) יָא לִיבֶּע הֲדַסָּה, אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר אַ פְרֵיילֶעבֶען נַייֶעס מִיט צוּא טְהֵיילֶען (זֶעצְט זִיךְ אוּיף דִיא עֶרְשְׁטִי צְווייא שְׁטוּלֶען, הֲדַסָּה קוּמְט אוּיס רֶעכְט צוּא אִים) הַיינְטֶע אִין מָארְגֶענְס הָאט מִיר אֵיינֶער זֵייעֶר אַ וָואלֶען פְּלַאן פָארְגֶעגֶעבֶּען פוּן וַואנֶען אוּנְזֶער לֶעבֶּענְס מִיטֶעל צוּא צִיהֶען: אִיךְ זָאל וֶוערִין אַ סוֹחֵר פוּן גֶעוַואנְט.

הֲדַסָּה, דוּא בִּיסְט דָאךְ אָבֶּער אִין דֶעם מִסְחָר נִיט גֶענִיט?

יָאזֶעף, דְרִיבֶּער נֶעהְם אִיךְ צוּא אַ זֶעלְבִין פַאר אַ שׁוּתָּף וָואס עֶר אִיז גוּט בֶּעקַאנְט אִין דֶעם מִסְחָר, עֶר הָאט זַיין אֵייגֶענְס אַ רוּבִּיל פִינְף טוֹיזֶענְט קַאפִּיטַאל.

הֲדַסָּה, אִיז מִיר ווִידֶער אַ חִידוּשׁ, אַז עֶר אִיז יָא דֶער מֵבִין אוּנ מִיט אַ גְרוֹיסֶען קַאפִּיטַאל נָאךְ וָואס בַּאדַארְף עֶר דִיךְ מִיט דַיינֶע טוֹיזֶענְט רוּבִּיל פַאר אַ שׁוּתָּף?

יָאזֶעף, אַ גְרוֹיס גִישֶׁעפְט פָאדֶערְט אִימֶער אַ הֶערְר מִיט אַ ווִירְטְהֶען אָדֶער צְווייא בַּעֲלֵי בָּתִּים, אֵיינֶער פָארְט נָאךְ סְחוֹרָה פִירְט דֶער אַנְדֶערֶע דִיא קְרָאם, אוּנ אַזוֹי וִויא עֶר אִיז אַ חָאלָאסְטוֹי זִיכְט עֶר

דער

דער פאר אשותּף צוא זיך און ווייל מען האט מיך אפּ געלויבט פאר אים אלס ארענטליכען מאנן גענומט ער מיך דער פאר צוא מיט מיין קליינעם קאפּיטאל אלס גלייכער שותּף צו דעם געשעפט. מיר האבין זיך שוין אפילו צוא שריבען ביי דעם נאטאריוס און נאך היינט רייזען מיר אפּ קיין ביאלאסטאק און דארטין איין קויפין די סחורה.

הדסה, (הייבט זיך אויף פון ארט האסטיג) גאטט! וואס הער איך? נאך היינט פארסט דוא אוועק?

יאזעף, (זעצט זיא צו ריק, שמייכעלט) יא עס איז אזוי געבליבען אז מיר זאלין נאך היינט אונזער רייזע מאכין, נאר וואס האסט דוא זיך אזוי דערשראקען? איך פאר דאך ניט אויף לאנג אוועק, העכסטענס א מאנהייט, און דאגען האסט דו מיך שוין צו ריק געבין דיר.

הדסה, (קוקט מיט מיטליידענדע בליקען צוא אים), פאלג מיך מיין ליבער ניט פאר! ווערסט דוא זעהן אז גאט וועט דיר דא אויך באשערען דיין פרנסה.

יאזעף, (גיבט א מאך מיט ביידע הענד). זעהסט דאך אליין אז אגאנץ יאהר געה איך ארום און זוך מיר דא עפּיס אגישעפט צוא מאכען און עס איז ניט דא! מיט דעם מסחר בין איך ניט געניט. צוא יענעם פעלט מיר געלד, און אזוי קלערענדיג לויפט אפּ א חודש און נאך א חודש און וואס וועט זיין דער סוף? איך וועל מיך ארום דרייען אזוי לאנג ביז די טויזענד רובעל וועלין שוין אויך ניט סטאיען נוא וואס וועל איך ווייטער טאהן? אן קומען צום טאטין און צוא דער גוטער שטיף מוטער נאך אנדער געלד ווינש איך מיר דאס אוודאי ניט.

הדסה (נעמט זיין רעכטי האנד) ווייסט דוא וואס מיין מאנן? זאל דיין שותּף אליין רייזען און דיא בלייב נעבין מיר.

יאזעף (מאכט לויז זיין האנד פון איהרע, שמייכעלט) איך האב ניט געגלויבט אויף דיר הדסה אז דוא זאלסט אזוי רעדען אזייא נארישקייט! נאך אמהל: איך זאל נעמין א מענשין (צייגט מיט איין פינגער אויף זיין הארץ) וואס איך קאן אים הערשט פון היינט אן און אויף אים געטרויען אונזער לעצט ביסעל קאפּיטאל?

הדסה (פארשעהמט) אך יא, איך האב זייער ניט קלוג גירעדט, נאר דאס האט מיר אבער פערשאפט דיא ליבע און דיא כרייהייט צוא דיר מיין יאזעף! (נעמט זיין האנד קוועטשט זי) א איך ליב דיר! ביזט מיין איינציגער פריינד אויף דער וועלט, און ווען דוא פארסט אוועק

אוועק בלייב איך עלענד, צוא דיינע עלטערען קאן איך ניט געהן,
דארך דיין שטיף מוטער, זיא שיינט מיר שרעקליך אויס. איך שפיר
וויא איהרע בליקען וואס זיא גיבט אויף מיר זענען שארפער וויא
שפיצינע שפיזען, איהרע זענעפטע רייד זענען מיט גיפט פערמישט,
קיין בעקאנטע אויסער זייא האב איך ניט, איך בין עלענד אהן דיר
וויא אשטיין, און דיר אבער געפין איך אללעס וואס מיר ליב איז,
דוא ביסט מיר געמאהל פאטער אונד בעסטער פריינד, בעדענקע זיך
יאזעף אז דוא רייזט אפ פון מיר בייא וואס וועל איך בלייבען? (לאזט
אפ זיין האנד ווישט זיך מיט א שנופטיך איהרע אויגען):

יאזעף (נעמט איהרע האנד) איך דאנק דיר הדסה פאר דיין טרייהייט
צוא מיר, גלויב מיר אז וויא שווער עס איז דיר צוא בלייבען
אפ געשייד פון מיר, אזוי עבען איז פאר מיר שווער מיט דיר זיך צוא
שיידען, נאר וואס זאלין מיר טאהן? קיין אנדער פלאן אויף ניט צוא
פארין האב איך ניט, אפ לאזין דאס געשעפט מוז מיר זייער באנק,
דען אויף דעם קאן דאך אונזער גאנצער צוקונפט זיין געשטעלט, אלזא
מוזען מיר דרויף זיך סאגלאסען, אונזער שיקזאל וויל האבין אז מיר
זאלין ווערין אפ געשייד איינס פון דעם אנדערען אויף א מאנהייט צייט
(לאזט אפ איהרע האנד).

הדסה (קוקט צוא אים טרויעריג) אבער אים וויינגסטען ציהע אויף
נאך אפאר טעג צוא הויזע, ווארום ביסטו אזוי איילינג מיט
דער רייזע?

יאזעף (לייגט זיין האנד אויף זיין הארץ) איך קאן ניט הדסה, עהרען
ווארט אז נאר היינט מוז איך פארין, מיין שותף צווינגט מיך
דער צוא (נעהמט איהרע האנד) אלזא

הדסה פערצייע מיר ווען איך קאן דיין לעצטע ביטע אויך ניט ערפילען.

הדסה, וואס פאר א שרעקליכער מאנן דיין שותף דארף זיין אז ער
שפירט ניט דיא ליידין פון א פאמיליען שיידונג, זאג מיר זיין
נאמין פיליכט קען איך אים.

יאזעף, ער הייסט בארים חאלדמאן...

הדסה, (שלעפט ארויס האסטיג איר האנד וועלכע ער האט געהאלטין
שרייעט אויס:) באריס?

יאזעף, (מערקט ניט איר צערשטריידונג) יא בארים הייסט ער.

הדסה, (האסטיג) בארים וואלדמאן?

יאזעף (קוקט איר צערשטרייהונג) יא אזוי הייסט ער, נאר וואס ביסט אזוי צוא שראקין? קענסט אים דען פאר א שלעכטין מאנן?

הדסה, (נאך א קורצע פויזע) ניין! ער איז מיר צוואר נור פון ווייטין בעקאנט, דאך שיינט ער מיר פאר א שרעקליכען מאנן צוא זיין... איך בעט דיך יאזעף מאך מיט אים קיין שותפות ניט, דאס הארץ דערלאזט מיר ניט אז דוא זאלכט אים האבין פאר א שותף!..

יאזעף, עס געבין זיך אויס פיל מענשין וואס פון ווייטין שיינען זייא פאר ביסטרע אונ שלעכטי מענשין צו זיין, אונ דאך אז מען ווערד מיט זייא בעקאנט פון דער נאהענט ערקונדעט מען זיך אז זייא זענען גאנץ גוטע מענשין. איך פערהאף דאס זעלבע פון דיר צו הערין אז דוא וועסט מיט אים אין דער נאהענט בעקאנט ווערין. ער וועט באלד קומען צוא אונז.

הדסה, דאס הארץ דערלאזט מיר אבער ניט אז דוא זאלסט מיט אים שותפת ווערין!

יאזעף, אויף אונזערי הערצער קענען מיר גאר ניט שטעלין. ניט מיר ווייסין וואס זייא מיינען מיט זייער פליצליכען קלאפין אין אונז. אונ ניט זייא ווייסין וואס מיט אונז קען אין דער צוקונפט געשעהען. (יאנקעל געקליידעט אין א פארוסינעם אנצוג מיט גרויסע שטיוועל אונ מיט א קארטיז, קומט ארין דורך דער גלאזענער טיר).

פירטער אויפטריט

יאנקיל אונד דיא פאריגע.

יאנקעל (שטייט געבין דער טיר) בעל הבית! א מענש פרעגט זיך צו אייך, זאל איך אים אהער שיקען?

יאזעף (שטייט אויף) הא דער איז אוודאי מיין שותף, איך געה צו אים (יאנקעל געהט אב, נאך אים יאזעף).

פינפטער אויפטריט

הדסה זעלבסט.

הדסה, (ליינט צוא זאמין דיא הענד) בארים וואלדמאן ווערד מיט מיין מאנן שותפת! (דיא הענד געגין הערצין, קוקט ארויף) גאטט

גאסט! וויא איך שרעק מיך פאר אים! דאס איז דאך דער בארים וואס האט מיך געליבט נאך פריער וויא איך האב מיין יאזעפן ערקאנט! דאס איז דער בארים וואס האט מיר צוא געזאגט גאלדענע בערג. איך זאל מיט אים הייראטען און איך האב אים געמזאגט ווייל איך האב אים ניט געליבט. ווארום? ווייס איך זעלבסט ניט נור מיט געוואלד קאן מען דאך אליבע ניט אריין געבין אין הערצין, און ער איז פון מיר אוועק דעמאלט אין גרעסטין צארין און ווער ווייסט פילייכט האט ער נאך ביז יעצט זיין צארין אויף מיר ניט געשטילט? ווער קאן מיר זאגין אז מיט זיין יעצטיגען שותפות וואס ער האט פאר גיליינט מיין מאנן מיינט ער ניט זיין בייזע ראכע אויף אונז אויס צו פירען? (בלייבט פערטראכט) דיא גלאזונע טיר עפינט זיך עס קומען אריין יאזעף מיט באריסען געארעמט, דער צווייטער געהט מיט א לאנגען ראק, שווארצע לאנגע האר א קורין שווארין בערדיל מיט לאנגע וואנסין אויף דעם קאפף א צילענדער הוט.

זעבסטער אויפטריט

יאזעף, בארים אונד דיא פאריגע פרוי.

יאזעף, (צוא באריסען צוא גייענדיג מיט אים צום טיש). איך האבע דיא עהרע הערר וואלדמאן פאר איינען פאר צוא שטעלין מיינע פרוי ווירטהען, (ער באבט אים לויז פון זיינע ארמע).

בארים (לעגט זיין שלאפע אויפין טיש) דאנקע שעהן. (נייגט זיך העפליך פאר הדסה'ן, רייכט איר זיין האנד) אייערע בעקאנדשאפט מאדאמע איזט מיר זייער אנגענעהם.

הדסה (גיבט אים דיא האנד, ווערד רויט) און מיך פריידעט אייערע בעקאנדשאפט צוא פערדינען (לאזט אראפ דיא אויגען).

יאזעף (צוא באריסין) זיצט הערר וואלדמאן!

בארים, אבער לאנג דא זיצען זאלט איר מיר ניט לאזין. ווארין דער פאיעזד געהט באלד אוועק, איר זענט שוין פערטיג צום פארין הערר פיינהאלין?

יאזעף, יא באלד, איך געה מיר נור אן טהון און הייסין מיין דינער ער זאל מיר איין פאקעווען מיינע זאכין אין טשאמאדאן (לאזט זיך געהן צום גלאזונים טיר).

הדסה (שטייט אויף) ווארט אוים יאזעף וועל איך הייסין דיא דינסט
זאל דיר אן גרייטין שפייז אויף דעם וועג (ביידע גייהען אב).

זיבענטער אויפטריט

באריס זעלבסט.

באריס (שטעלט זיך געבין טיש מיטען פנים צום פובליקום, דיא
הענד אין דיא קעשענים פון זיין ראק) וויא גליקליך דאס פאר
פאלק לעבין זיך, טאקי נור וויא א פאר טויבען! אונ איך? א איך
אונגליקליכער קערפער דאס זעהעודיג! מיין הערץ ווערד אין מיר
אויף שטיקער צוריסען קוקענדיג וויא דיא שיינע געטטין, דיא ליעבע
הדסה אין וועלכע איך בין אזוי שטארק פערליבט געפינט זיך יעצט
אין א פרעמדינס מאכט שוין מער וויא א יאהר! (פויזע. שפאנט איבער
דער סצענע, בלייבט אין מיטין שטיין) יא א יאהר שוין אז א פרעמדי־
בעזיצט מיין געליבטע! אבער ניט מער! נאך היינטיגען מאנדהייט
זאל זיא גיהערין צוא מיר! יאזעף זאל ווערין ערמארדעט, אונ הדסה
זאל בלייבען מיינע! דער פלאן אויף אים צוא טיידטין איז בייא מיר
שוין דא מיר פעהלט ניט מעהר וויא איין מיט שפילער דער צו (בלייבט
פערטראכט) מיר שיינט אז דער משרת זיינער ו. אלט מיר געקאנט דינען
פאר א גוטן געהילפער צוא מיין פלאן, מען דארף זיך נאר מיט אים דורך
רעדין אונ זעהן וואס פאר א מענטשער איז (שפאצירט ווייטער, יאנקיל
קומט אריין דורכין גלאוונים טיר).

אכטער אויפטריט

יאנקיל אונד דער פאריגער פערזאן.

יאנקיל (בלייבט שטיין אויף דער שוועל פון טיר) דער בעל הבית האט
געזאגט אפשר איז אייך דא סקוטשנע אליין צוא זיצען זאלט
איר ארוים גיין אין פאר צימער צו אים.
באריס, גראדע פערקערט, מיר איז דא גאנץ היימליך (בלייבט שטיין
קעגין אים).
יאנקיל (קערט זיך אום מיטין פנים צו דער טיר וויל אוועק גייך.
באריס זייא זשע מוחל יונגער מאנן!

יאנקיל

יאַנקעל (קערט זיך שנעל אום צוא אים) הא! איר רופט מיך?

באַרים יא איך וויל דיר עפּיס פרעגן, קום צוא געהנטער.

יאַנקיל (גייט צו אים צוא).

באַרים (נעמט אים ביא איין האנד, גייט מיט אים צו צום טיש, לאזט אים שטיין מיטין פּנים צום פּובליקום און אליין שטעלט ער זיך קעגין אים האלב זייטיג, זיין געזיכט קומט אויס צום לינקס):

באַרים וויא אזוי הייסט דו יונגער מאַנן?

יאַנקיל. איך הייס יאַנקיל, נאר אקעגין וואס פרעגט איר דאס ליבער הערר?

באַרים (קוקט אויף אים איינגע סעקונדען) און וואס ביזט דו דא אין הויז אמשרת?

יאַנקיל וואס דען זאל איך דא זיין אז ניט קיין משרת?

באַרים און וואס האסט דו פון דער שטעלע?

יאַנקיל (גיבט א מאך מיט איין האנד) ווייס איך. פרעגט שוין נאר ניט.

באַרים שוין לאנג אז דו דינסט דא?

יאַנקיל ביא דעם בעל הבית פאטער האב איך געדינט צוויא יאהר און דער נאך אז מיין בעל הבית האט חתונה געהאט האט ער מיך צוא זיך גענומען, און עס איז שוין א יאהר אז איך דיהן ביא אים.

באַרים איז דיר גוט צוא דינען?

יאַנקיל א ברירה האב איך? איך מוז דאס אן נעמין פאר גוט! וואס דען קאן איך טאן? א מלאכה קאן איך ניט, געלערנט בין איך ניט, געלד האב איך אויך ניט. איך בין טאקע ניט קיין קראנקער יונג און קיין נאר אויך ניט, נאר צוא דיא אלע מעלות אז עס פעהלט דאס ביסעלי געלד ווייסט איר דאך וואל אז דער מענטש האט קיין שום ווערטה ניט;

באַרים אזעלכי ריידעס הערט מען נאר פון טויגעניכטסען, ברויזניקעס, און באנקקוועטשערס וועלכע זיצען אויף דעם אויבען און ווארטין אז גאט זאל זיא פון הימעל אראפ ווארפין אבייטעל מיט געלד, מיט דעם האפענונג ווערין זיא גרא און אלט, און מיט דעם האפענונג שטארבין זיא. אבער א מענטש מיט פאר שטאנד ער ווארפט זיך אויף אלע זייטען אז ער זאל זיך ערווערבין א קאפּיטאל, און וויא אזוי מיינסט

די ערוועקבט ער ? אפשר דורך שווער ארבייטין צוא דורך ערליכען האנדיל ? ניין ! גראדע פערקערט, ער הארוועט קיין מאהל ניט ווארין גיט דורך הארטנאנגיע דער ווערבט מען זיך היינטיגע צייטין אקאפיטאל, אט נעהם דעם ביישפיל פון א מלאכה, ער הארוועט ביז אין טויט אונ שטארבט אין פרעמדע תכריכים, ווער זשע דען האט היינטיגע צייטין געלד ? דער ליגנער . דער בעטריגער, אונ דער פאלשער מענטש ! צום ביישפיל ; איך טוא אפ אפערבאטעני זאך אונ שיק דיר דוא זאלסט גיין צוא דעם אונ דעם מענטשין אונ אים איבער געבין פערקערט וויא דיא זאך איז פון מיר געשעהן, הייסט דו אליגנער אונ דער פאר האסטו פון מיר געלט, נאך א ביישפיל : איך רעד דיר אן אז דוא זאלסט זיין דיין בעל הבית אין הארצין פאלש, נור מיט דער צונג זאלסט דוא אים ווייזין אז דוא ביזט אים טרייא, הייסטו א בעטריגער אדער פאלשער מענש אונ דער פאר געב איך דיר געלד, אונ נאך טויזענדער פרימערין אזעלכע איז פערהאנן וואס נור אויף א זעלכע ארטין ווערין מענשין לייט, וואס דען ? אזוי איז א תכלית ? ווילסט זיין ערענטליך ? נוא וואס וועסטו האבין פון דעם ? גוט איז גאר ביז וואנין דוא ביזט געזונד פערדינסטו דיר דיין שטיקעל ברויט

אבער מאכי ניט מער ! יאנקעל, טאקע ניט מער.

בארים אונ אז דוא וועסט ווערין קראנק, וועט דיר דיין בעל הבית

ניט וועלין האלטין ביא זיך, דען צוא וואס טויג אים א קראנקין משרת ? אויף כפרות ! וועט ער דיך ארויס שטופען, וויא זשע קענסטו דאמאלס געהן ? נור אין הקדש ! נוא פרעג איך דיך : איז א שלעכטער תכלית ?... אונ אזוי געהט דאך אויס פון אלע מענשין וואס ווילען אפ לעבין ערענטליך דיא וועלט ; לייהט איינער ביא יענעם געלט אונ צאהלט אים אפ ערענטליך מיטין פראצענט וואס זשע ווערד דער סוף ? דער בלייבט א קבצן, אונ יענער וויל אים מער ניט געטרויען, ווייל איינער מאכין גוטע אנשטאלטין אין שטאט, מאכין אנדערע אויף אים א בלבול אונ ער געהט א וועק קאטארזשנע ; ווייל איינער אויף ווייזין וויא צין אפשצעסטווע פירען דיא ביכער פאלש, מאכין זייא אויף אים א מסירה אונ ער געהט אוועק נאך סיביר, קורץ גירעדט דאס ווערטיל געהט ; דיא וועלט איז פאלש, אונ דרום מוזין מיר מענשין אונזערין עקזיסטענץ זוכען נור דורך פאלשע קוועלען, ווער אבער עס איז א שלימזלניק דער

שטארבט

שטאַרבט אַקבצן! (שטעלט אַ שטיל נעבן יאַנקלען און זעצט זיך אויף איר).

יאַנקיל, אַך מיין העדר, איר רעדט מאַקי וואָס אמת איז, נור ווייסט איר דען ניט אַז צוא אַזעלבע זאַכן דאַרף מען אויך האָבן מזל?

באַריס (שטעלט זיך אויף) דוא רעדסט שוין ווידער וויא אַ כלויזניק! וואָס פאַר אַ וואָרט מזל? ווער גלויבט אין דעם? דער מוזשיק ביי דיא קריסטען, און דער שלימזלניק ביי אונז יודען, אַ מענש מיט פער שטאַנד אָבער ער שטעלט קיין מאָהל ניט דרויף, ער האַפט זיך צוא אַלעס וואָס אים קומט אין האַנד און אַרבייט אין דעם מיט ענערגיע אַפי צוא פערדינען געלד, היינט איז ער אַ גנב, מאָרגין אַ גזלן, איבער מאָרגין אַ רוצח, און שפעטער אַ פאַלשער עדות און אַזוי ווייטער!

יאַנקיל (קלערט אַ קליינע ווילע, רוקט זיך אָפּ פון באַריסין, מאַכט אַ מינע וויא ער וויל צו אים עפּיס רעדין נור ער שעהמט זיך, אָדער ער האָט מורא דיא זאַך וואָס ער דענקט אים אויס צוא זאָגין, ער רוקט זיך צוא אים צוא און וויל שוין רעדין, נור באַלד טרעט ער נאָכמאַלס אָפּ פון אים, אַזוי טהוט ער 3 מאָהל).

באַריס (אַלס ער זעהט וויא יאַנקיל שווייגט זעצט ער זיך אויף זיין שטיל).

יאַנקיל (שטעלט זיך נעגין אים) הערט מיין העדר, איך פאַרשטעה נאָך אייערע רייד אַז איר זענט ניט פון דיא למד וואָו צדיקים, און מסתמא זענט איר אַ בעל סוד אויך, דרום וויל איך פאַר אייך זיך מודה זיין אַז איך האָב שוין געפּרוּווט אַ גנב אויך צוא זיין מען האָט מיך אָבער געהאַפּט, האָט מען מיר אַזוי צוא שלאָגין דיא זייטין אַז איך האָב מיר שוין פערשוואוירען אויף אייביג אַז איך זאָל מער קיין גנב ניט זיין!

באַריס, דאָס איז דער פאַר וואָס דוא פערשטהייסט ניט דיא וועלט, דרום האָט מען דיך געהאַפּט און גוט אָן געקלאַפּט, היינטיגע צייטין ברידער לעבין זיינען דיא גרעסטי טהייל מענשין גנבים און אַלע הייסען פון דעם און דאָך טהוט מען זייא גאָר ניט, פערקערט, מען האַלט זייא נאָך בכבוד און מען געטרויעט זייא געלד, צום ביישפּיל איינער נעהמט ביים צווייטין סחורה אויף קרעדיט, ער האַנדעלט מיט

מיט אים א קארצע צייט אונ פליצלונג בלייבט ער שטיין אונ וויל איך
קיין געלד ניט צאהלין רופט אים דיא וועלט אן זעטער . ווייסטו פאר
וואס ? ווייל ער הארגעט א מענשין אהן א זעטין . . אדער אנדערש
געדעט : ער קוילט יענעם אהן א מעסער , נוא הייסט ער דען ניט
אייגענטליך ראזבוינוק ? נור דאך געטרויעט אים יעניר ווייטער סחורה ,
אונ ביא דער וועלט הייסט ער טאקי אלס סוחר ! נאך א ביישפיל :
איינער פאר זעצט ביים צווייטין צירונג , ברעכט ער אליין אויף דעם
קאסטין אין וועלכין דאס צירונג יענעמס איז געלעגין , אונ גנבית דאס
ארויס , נאכדעם מאכט ער א גיוואלד אז מען האט אים בעגנבית !
נוא הייסט ער ניט קיין גנב ? אונ דאך קלאפט אים קיינער ניט אן
דיא זייטען ! נור ניט אצונד איז דיא צייט צוא שטודירען מיט דיר ,
איך האב מיט דיר צוא רעדין וועגין א גייטהייגערין אינטערעס , (ער
שטעלט זיך אויף) דיא ווילסט זיך אונטער נעהמין צוא זיין א מיט
שפילער צוא א רציחה ?

יאנקיל, מיט וועהמין איז ?

בארים, מיט מיר אליין !

יאנקיל, וואס וועט איר מיר געבין דען ?

בארים, וועגין געלד דארפין מיר אצונד גאר ניט רעדין ווארין דיא
צייט איז קורץ , איך האב מיט דיר נייטהיגערס צו רעדין .

יאנקיל, ניין ניין ! וויא באלד אז איך ווייס ניט מיט וויפיל איר וועט
מיך בעלוינען . קען איך זיך גאר ניט אונטער נעהמין איך
זאל אין דער זאך צו העלפין .

בארים, ביזט א קינד צוא דען גלויבסטע אז איך וועל דיין ארבייט
אומזיסט פערלאנגען ? קענסט זיין גאנץ זיכער אז קיין
משרת מער וועסטו שוין ניט דארפין זיין , נור פון דעם וועלין מיר נאך
צייט האבין גענוג צוא רעדין , דערווייל הער אוים וואס דוא דארפסט
דאס נייטהיג ווייסען , איך פאר דאך היינט מיט דיין הערר א וועק
אבער ניט נאך סחורה קויפען וויא ער מיינט , נור איך זאל אים
הארגענין אויפין וועגין .

יאנקיל, פאר וואס ווילט איר אים הארגענין ?

בארים, איך וועל דיר איין אנדערס מאהל זאגין , דער ווייל הער אוים
דאס דאזיגע . וועל איך אים בעטין אז ער זאל דיך אויך
מיט

מיט גענומען אויף דער רייזע, כדי אז ווען איך וועל איהם מיידמיך זאלסטו באלד אהיים קומען און אן זאגין זיין ווייב אז גזלנים האבין איהם געהארגעט נור דוא דארפסט אבער וויסען מיט וואס פאר א מינע דאס אן צו זאגין אז קיינער זאל ניט פערשטיין אז מיר האבין אין דעם א טהייל.

יאנקיל, דאס דארפט איר מיר שוין ניט לערנען, דער צו בין איך א גוטער ארטיסט, איך קאן מיר אפ שפילען אזא ראליע אזוי ערינסט און מיט אזוי פיל געוויין אז איטליכער זאל מיינען אז דאס איז טאקי אזוי געשייהען וויא איך דער צייל.

באריס, אזוי מיין איך טאקי. אלזא בין איך שוין מיט דיר פארטיג?

יאנקיל, ביז איך וועל ניט וויסען וויפיל געלד איר גיבט מיר, זיינען מיר נאך ניט אין גאנצין פארטיג.

באריס, איך האב דאך דיר שוין פריער געזאגט אז איך וועל דיר ניט אביזשיען! (ער קוקט צום גלאוונים טיר) שא! מיר דוכט אז זייא גייהען שוין! טרעט אפ פון מיר!

יאנקיל (רוקט זיך אפ פון באריסען צום זייטין טיר.

באריס (בלייבט שטיין מיטין פנים צום גלאוונים טיר, פון וועלכען עס קומען ארויין פריער יאזעף און דער נאך הדסה, דער ערשטער איז געקליידעט אין אלאנגין ראק אויף געשפילעט, עס זעהט זיך ארויס אסאקוואיאזש. און דיא צווייטע איז אן געצויגען אין דיא פארינע קליידער)

ניינטער אויפטריט

יאזעף מיט הדסה אונד דיא פארינע.

באריס (לויפט יאזעפין א קעגין) נוא, זיינען זיא שוין פערטיג הערר פיינהארץ?

הדסה (אלס יאזעף ענפערט באריסען זעצט זיא זיך אויף איר פארינען ארט).

יאזעף, יא איך בין שוין פערטיג דער משרת דארף מיר נור איין פאקעווען מיינע זאכין (ער קוקט צו יאנקלין) וואס שטייסטו נאר ליידיג יאנקעל? זעהסט דאך אז איך האב קיין צייט ניט, גייא ארויין אין פארצימער און פאקעווע איין אין טשאמאדאן אלע זאכין

מיינע וואס איך האב דארט אן געגרייט!

יאנקיל (קוקט אויף באריסין, דער נאך געהט ער לאנגזאם צום גלאווני מיר).

יאזעף (זעצט זיך נעבין הדסהן).

באריס (זעצט זיך) הערט איר הערר פיינהאלץ, איך וואלט אייך געראטען אז מיר זאלין מיט נעהמין אייער דינער אויף אונזער רייזע, ווארין אונטער וועגינס איז זייער גוט אז מען האט א אייגענים דינער, פערשפארט מען זיך צו שאפין מיט פרעמדע, אונ פאר יעדער שליחות זייא צאהלין.

יאזעף (מיט פערלעגענהייט) ווייס איך? מיר דוכט אז ער וועט אונז גאנץ איבעריג זיין (צו הדסהן) וויא זאגסטו הדסה?

הדסה, איך בין אויך בייא דעם מיינונג.

באריס, נישט קשה, נעמט אים מיט, וואס קאנין מיר צו אים דער לעגין? רייזע קאסטין וועט זיין אויף האלב בייא אונז, אונ ווייטער וועט ער דאך אונז דיא קעפ ניט אפ עסין, אויף זיין ברויט וועט ער פארדינען בייא אונז.

יאנקיל (געהט צו צוא יאזעפין, מיט א אונטער געלעגטין שמייכיל) יא יא בעל הביתיניו נעמט מיר אויך מיט, איך בין נאך אויף מיין לעבין ניט געפארין אויף דעם באהן אט וועל איך מיר אביסעל דורך קאטייהען, אונ איר וועט זעהן אז איך וועל אייך צוא נוטץ קומען אויפן וועג, איך זאל אזוי לעבין אז איך וועל אייך צוא נוטץ קומען!...

יאזעף, דער ווייל מאך נור פארטיג מיין רייזע פעקיל, דער נאך וועלין מיר שוין זעהן.

יאנקיל, אבער, וועל איך מיר קאטייהען אויפין באהן?

יאזעף (שמייכילט, קוקט צו הדסהן וויא זיא זיצט פערזארגט) וועסט זיך קאטייהען.

יאנקיל (לויפט לוסטיג צום גלאווניס מיר) אדאנק אייך מיין בעל הביתיניו! (אב).

צעהנטער אויפטריט

דיא פארינגע אהן יאנקלין.

יאזעף (צו הדסהן) וואס זיצטו אזוי פערטראכט מיינע טהייערי הדסה?

הדסה (קוקט מיט רחמנות אויף יאזעפין) פאר וואס זאל איך ניט זיין פערטראכט אז היינטיגען מארגען האט מיר גאט צו געשיקט פיל פון וואס צו טראכטין! איך שטעל מיר פאר אז מיט א האלבע שעה שפעטיר וועסטו שוין נעבין מיר ניט זיין, דער לאקאמאטיף וועט מיט דיר שנעלל פון דאנין אב לויפען, וועט דיך אויף גאנץ וייט פערטראגין פון מיר, א, ווען ער זאל דיך אויך איבער טראגין איבער אלע געפעהרליכע וועגין וועלכע שטייהען דעם מענשין אין וועג צום געפאהר, וואלט איך דאן פיל רוהיגער זיין, נור ווער קאן דאס מיר צו זאגין? (קוקט צו באריסין).

באריס (מיט פערדראס) איך קאן דאס אייך זאגין מאדאמע אז אייערי שרעק זינד גאר אומזיסטיגע, דער רייזענדער האט היינט קיין שום סכנה פאר זיך, דען היינט איז ניט וויא א מאהל מען זאל דארפין בלאנדזין דורך וועלדיר אונ דורך פוסטע וועגין וויא עס האלטין זיך אויף מערדיר, היינט האבין מענשין ערפונדען א באהן וואס דורך אים איז שוין יעדיר רייזענדער פערזיכערט מיט זיין לעבין אין וועג פאר אלע געפאהרין אונ דרום האט איר ניט וואס זיך צוא שרעקין:

הדסה, פערצייען זיא העדר וואלדמאנן זיא פערשטייען מיך ניט, איך רעד ניט פון זעלבע מערדער וואס דיא וועלט ווייסט פון זייערי רציחות, ניין! פאר אזעלכי שרעק איך מיך גאר וויניג, וייל זיא זענען ניט אלע מאהל אין שטאנד צוא צשטערען דעם מענשינס פריד, דען ניט אויף תמיד עקסעסטירט זייער מערדעריא, עס איז פאר האנדען א פראוואסודיע וואס לאקערט אויף זייא. זייא פאלין דאך ענדליך אריין אין זייערע הענד אונ זייא משפטין זייא נאך דעם אמתין זאקאן, גאר איך רייד פון דיא פאלשע מענשין, אט פאר זייא דארף מען זיך היטען וואָרין דאס פאלשקייט עקסעסטירט עוויג, זיא פאר קליידעט זיך אין א פרומען נארוזשנאסט אונ אינערליך ווערד אויס געדיינקט דיא גרעסטי רציחות אויף אום שולדעגע מענשין, אונ ליידער קאן דאס קיינער ניט באמערקין, אונ אזעלכי מענשין געפינען מיר היינטיגע צייטען זייער פיהל, אט פאר זייא שרעק איך מיך!

אונ

און דרום מיין טייערער יאזעף דוא פארסט אין א פרעמדער שטאט וואס דארטין וועסט דוא הייסען א עלענדער, למען השם זאלסט זיך היטען פאר אזעלכי מענשין, אז איינער וועט מיט דיר וועלין מאכין א בעקאנדשאפט זאלסט דוא ניט קוקען אויף זיין פרימען נארוזשנאסט פריער זאלסט דוא אוים פארשטין דיא אינערליכע פון זיין הערץ, און אויב דוא באמערקסט אז דרינען ליגט א פערבעהאלטענע שנאה צוא דיר, אנטלויף פאר אים יאזעף וויא מען אנטלויפט פאר גיפט פון א שלאנג! וייך פון זיינע טריט וויא מען ווייכט פון א פעסט! און דאמאלס וועט ער דיר קיין מאהל קיין שלעכטס ניט קענען טהון!

יאזעף (קושט אירע האנד) א דאנק דיר מיינע טרייע פרוי פאר דיין לעהרע!

בארים (שטייט אויף פון ארט בעווייזט אין דער זייט פערדראסענדע גרימאסין מאכט א וועק מיט איין האנד וויא דיא זאך געפעלט אים ניט, שפאצירט אום אין א זייט אהין און צוריק).

(דוד וועלוויל קומט אריין דורכין גלאוונים מיר חסידיש געקליידעט)

עלפטער אויפטריט

דוד וועלוויל אונד דיא פאריגע.

דוד וועלוויל (בלייבט שטיין נעבין דער טיר, רייבט זיך דיא אויגען מיט איין האנד אונד חליפעט).

הדסה (אלס זיא דער זעהט אים) א א גאסט! יאזעף זעה נור ווער עס איז געקומען?

יאזעף (אלס ער קוקט זיך אום) דוד וועלוויל!.. וואס טהוכטו דא? קום נור אהער!

הדסה (רופט אים מיט איין האנד) קום אהער דוד וועלוויל, וואס ביזטו אזוי פערוויינט?

דוד וועלוויל (גייהענד לאנגזאם צום טיש) דיא מומע האט מיר ניט געוואלט געבין קיין איבער בייסין, זיא זאגט אז איך האב א געזונדטען ברודער. זאל איך צו אים געהן עסין! (וויינט).

הדסה (ווישט אים אפ דיא טרערין) נוא דער פאר דארפסטו וויינען נאריש קינד!

דוד וועלוויל (קוקט אויף איר, שרייט אויס מיט כעס) אזוי? איך בין אבער הונגעריג!..

הדסה, נוא וועסט דוא דא עסין, וואס איז דא פאר א אונגליק? (צוא יאזעפין) גיב אים יאזעף עטליכע קאפיקעס, לאז ער דער ווייל זיך עפיס קויפען אויף איבער בייסין ביז דער מיטטאג וועט פארטיג ווערין, ארחמנות נעביך וואס דאס קינד שטייט אויס פון זיין שטיף מוטטער: שלאגט אים, הארגעט אים, גיבט אים קיין עסין ניט און זיא בערימט זיך נאך אז זיא איז א פרומע יודענע, זיא גיבט צדקה!..

דוד וועלוויל (שטעלט זיך איר אנטקעגין) זאלט איר טאקי וויסען שוועגערין אז זיא גיט צדקה! איך האב אליין געזעהען, איך זאל אזוי זעהן משיח'ן פאר זיך!..

יאזעף (געבט אים געלד) שטיל נאר מען פרעגט ביי דיר ניט, נא דיר געלד, קויף זיך עסין און שיק א הער דעם טאטין!

דוד וועלוויל (נעמט צוא דאס געלד, ווערד פרעהליך) אוי טאקי א וואויעלער ברודער! וואס זאל איך מיר קויפען? בייגעל צוא קיכלעך?..

יאזעף (קוקט צו באריסען וויא ער שפאצירט) קויף זיך וואס דוא ווילסט אבי דוא זאלסט ניט הונגעריג זיין.

הדסה, וואס טויג דיר דיא קיכלעך? קויף זיך בעסיר ברויט מיט פוטער!

דוד וועלוויל, אזוי? פוטער האב איך אבער פיינט! איך וועל מיר קויפען בעסיר הערינג, יא שוועגערין?

יאזעף (קוקט צוא אים טערפליווע) זאל שוין זיין הערינג. נור געה אויף גיך און שיק א הער דעם טאטין!

דוד וועלוויל (לאזט זיך געהן צום גלאזוני טיר, בלייבט אין מיטין שטיין) און דיא מומע זאל איך טאקי אויך שיקען?

יאזעף, וועסט איר זאגין, און אז זיא וועט וועלין וועט זיא קומען ווען ניט קען מען זיך אהן איר אויך באגעהן.

דוד וועלוויל (געהט אב).

הדסה (שטייט באלד אויף, שרייט אים נאך) דוד וועלווילע! דוד וועלווילע!..

יאזעף, נוא וואס נאך דארפסטו אים?

הדסה (צוא גייהענדיג צום גלאווני מיר) איך וועל אים אן זאגן ער זאל ניט פאר געסין צום מיטטאג צוא קומען. (אב)

צוועלפטער אויפטריט

דיא פאריגע אהן דוד וועלוועלין מיט הדסה.

באריס, (זעצט זיך אויף זיין ערשטין ארט) דאס איז אייער ברודער דא גיוועזין הערר פיינהאלץ?

יאזעף, (רוקט צוא זיין שטיל נעבין אים) יא מיינער א ברודער א גאטס רחמנות וואס ער ליידעט נעביך פון דער שטיף מוטער ווען איר זאלט זיא אן קוקען הערר וואלדמאן אויף דעם וואלט איר געזאגט אז זיא ווייזט אויס צו זיין איין פרומע יודענע. מיין פאטער האט איר גענומען פאר א יחסנטע, זיא איז א רבס א טאכטער מען האט זיא געלויבט פאר אים אז זיא איז א גרויסע צדקניות, אונ אין אמת'ן רעדט זיא דאך שטענדיג נור מיט גאטט, זאלט איר אבער הערין וואס זיא האט אויף געטהון מיט מיין גייטערין ברודער, וואלט איר געזאגט אז זיא דארף זיין א מערדערס א טאכטער, נישט קיין רבס!

באריס, אזעלכע מעשיות ליב איך שטענדיג צו הערין, דערציילט;

יאזעף, איך האב גיהערט פון איינעם זייער א גלייבין טייטש ווארט. ער האט געטייטשט, איזהו מקומן של זבחים? איז וויא? אין קדשי קדשים! דארטין וויא מען שטעלט זיך פאר פאר גאנץ הייליג, אט דארטין איז דאס ארט פון שחיטה, אונ אזוי איז מיט מיין שטיף מוטער, זיא האט אן געצויגען אויף זיך א פרומע אונד א הייליגע מאסקע, אונ שעכט אונז שטיף קינדער וויא ווייט זיא קען, איך האב געהאט א עלטערין ברודער פון זיך, ער האט געהייסין מאיר ער וואר עלטער פון מיר מיט פינף יאהר, ער וואר א אידיל קינד מיט א מאר לאנט, וואר פעהיג צום בילדונג, מיין פאטיר האט דאס אים אבער ניט ערלויבט, האט ער דרום בשתיקה געלערנט, ער האט געהאט איינינע בעקאנטע כטודענטין וואס זיי פלעגין אים געבין אונטערריכטען אין דעם בילדונג, אונ אזוי איז פאר איבער געגאנגען פינף יאהר אונ האט זיך בשתיקה אזוי ווייט דערלערנט אז אים איז מער ניט געבליבען וויא צוא ענדיגען איין קורס אין מעדיצינסקע פאקולטעט אונ ווערין דאקטאר, נאר אז דיא שלאנג איז אריין געקומען צוא אונז אין שטוב

זענען

ווענען מיר איר באלד גרויס געווארין אין דיא אויגען, האט זיא אן
געהויבען זוכען מיטלען וויא אזוי אונז צוא פאטערין פון שטוב איינציג
וויים, צום ערשטין האט זיא זיך גענומען צוא מיין עלטערין ברודער,
זיא האט אים נאך געשפירט אלע מארגען וויא אהין ער געהט, אונ
האט דערשפירט אז ער געהט ניט וויא ער זאגט אין דער היים, אין
ישיבה לערנין נאר צוא א קריסטליכען סטודענט אונ דארטין לערינט
ער אין דיא טריפה פסלין, זיא האט זיך נאר דער פרייט אויף דער
כשרה מציאה, איז זיא באלד געלאפין צום פאטיר אונ דאס אים דער
ציילט, מיין פאטיר האט דאס תחילת ניט געוואלט גלויבען, איז ער
אליין אהין געגאנגין אונ געטראפין וויא מאיר איז געזעסין מיט דעם
שטודענט צו זאמין אונ געלעזין א בוך. מיין פאטיר אלס אלט מאדישער
ייד מיט א הייסען פאנאטיזם איז גאר האלב מענש געווארין, דאס
דער זעהענדיג, אים האט זיך געדוכט אז דער קריסט רעדט אים דער
בייא אן ווען ער קוקט מיט אים אריין אין בוך אז ער זאל זיך טויפען,
אונ מאיר ענפערט אים אז ער איז שוין סאגלאסנע! אט וויא וויט
דער פאנאטיזם קען פערפירען דעם גראדין פערשטאנד פון מענשין!
דער פאטיר האט אים גוט דורך געפאטשט אונ דער בייא אים אויך
גוט אויס געמוסערט אונ אים אהיים גענומען. פון דעמאלס אן איז
שוין דער ברודער מיינער פון שטוב ניט ארויס געגאנגין, אונ דאס
האט דיא שטיף מוטער זייער גיקרענקט ווארין זיא האט דאך געוואלט
אין גאנצין אים פטור ווערין, האט זיא אויף געטאהן נאר א נייעם
פלאן, זיא האט אריין געלייגט אין דיא שבתדיגע הויזען פון מיין
ברודער א פעקיל טאבאק מיט שוועבליך אונ שבת אין דער פריא ווען
מיין ברודער האט זייא געוואלט נעמין אן טאהן, האט זיא אריין
גערופען דעם פאטיר אונ אים געוויזען וויא עס ליגען אין דיא הויזען
קעשענע דאס פעקיל טאבאק מיט דיא סירניקליך, מיין פאטיר האט
זיך אזש ביים קאפף געריסען, ער האט גירעכינט וויא ניט אנדערש
אז ער רויכערט פאפיראסין אום שבת אונ דריבער איז שוין אויף אים
צוא גלייבען אז ער וועט זיך אין גיכע צייטין טויפען, אונ כדי אים
ניט דער לאזין צוא דעם, האט ער גיבעטין קהל אז זייא זאלין אים אפ
געבין פאר א כאלדאט. קהל וואלט אייגענטליך פון אונז קיין מאהל
ניט גענומען רעקרוטען, ווייל זייא האבין פערשוינט מיין פאטיר דען
זייא פלעגין זיך אפט זעהן מיט א קערביל פון אים, נאר יעצט אז ער

בעט זיך אליין בייא זייא, האבין זייא מיין ברודער מיט פריידען אויף געהאפט, עס וואר דאמאלס גראדע דיא צייט פון רעקרוטסקע נאבאר האבין זייא אים באלד אפ גיגעבין, און מיט א גאנצע פארטיע רעקרוד טען האט מען אים ארוים געשיקט פון אונזער שטאדט, נאר וויהין? ווייסין מיר קיינער ניט! און אזוי איז שוין 10 יאהר אוועק און פון דעם ארימען מאיר האבין מיר קיין שום נאבריכט ניט ער האלטין, דאס איז דיא ערשטי פארפלוכטע פרוכט פון דער שטיף מוטער, נאכהער האט זיא זיך גענומען צוא מיר, האט מיך אויך געוואלט פטרין פון טאטינס הויז, נאר עס איז איר ניט מער געראטין, זיא פלעגט מיר אויך נאך שפירען מיינע טריט, אבער זיא האט גאר ניט דערשפירט, איך האב געוויסט וויא אזוי פון איר זיך צוא היטען, און האב זיך צוא ביסלעך געבילדעט נאר אויך בשתיקה, נאר אז איך האב חתונה געהאט און בין געבליבען מיט מיין פרוי אויף קעסט בייא מיין פאטיר האט דאס זיא זייער געקרענקט, האט זיא זיך אן געהויבען צוא קריגען מיט מיין פרוי און פירען רכילות פון איר צום פאטיר, דאס האב איך שוין ניט געקאנט פארטראגין, האב איך שוין געמוזט אפ טרעטין מיט מיין פרוי אהער. יעצט רוהט זיא נאך ניט, און וויל נאך דעם איינציגען ברודער מיינעם אויך פאטערין פון שטוב! אט וויא עס גיט זיך אוים אויף דער וועלט א מענש מיט א טיראניש הערץ און מיט א פרומען נאריזשנאסט! אויף מיין הבכה'ס רייד! (פון דער גלאווניר טיר קומט אריין שמואל זבח, נאך אים פראדיל, דער ערשטיר געהט יודעש געקליידעט, האלט איין האנד אין בוזים פון דער קאפאטע, דיא צווייטי געהט פערפוצט וויא א פוילעש ווייביל מיט א זיידין טיכל. אויף דעם קאפ און פון אויבען א שאל):

דרייצעהנטער אויפטריט

שמואל זבח מיט זיין פרוי אונד דיא פאריגע.

יאזעף (אלס ער זעהט דעם פאטיר אריין קומען לויפט ער אים אקעגען):

פראדיל (בלייבט שטיין אינטער איר מאנן):

באריס רוקט זיך אפ אן א זייט מיט זיין שטיל, מהומ אן זייט חוט. בלייבט זיצען א פוס איבער א פוס און קוקט אויף דיא פערזאנען.

און

יאזעף (גיבט דעם פאטער דיא האנד) גוטען מארגין פאטער! זייא מיר מוחל וואס איך האב דיך מטריח געוועזען צוא מיר, מיר האט זיך געמאכט א פליצליכע רייזע אונ דארף שוין א וועק פארין, האב איך קיין צייט ניט געקענט אפ שפארין אז איך זאל מיך מיט דיר געהן געזעגנען.

פראדיל (רוקט זיך ארויס פון אינטער איר מאנן, ווארפט אראפ דעם שאל פון קאפ אויף דיא אקסלען, שטעלט זיך געגין יאזעפין) נוא אונ מיר א גוטען מארגען ווילסט דוא שוין גאר ניט זאגין יוספיל?

יאזעף (מיט א פאלשין שמייכיל) הא? איר זיינט אויך דא? א גוטין מארגען מוטעניו! פערצייהט, איך האב אייך ניט בעמערקט!..

פראדיל (אונמוטהיג) אוודאי ווען איך זאל זיין דיין מוטר וואלסטו מיך באלד דערזעהן אונ קוים היים איך שטיף מוטר ווילסטו זיך גאר ניט אום קוקען אויף מיר! האטש גאטט ווייס דעם אמת אז איך בין דיר טרייער וויא א אייגענע מוטטער! נור גם זו לטובה! א מענש דארף פאר אלס־דינג דאנקין (קוקט ארויף) דעם וואס איך האב דיא הענד ניט געוואשין!

שמואל זרח (צו יאזעפין, ווערהענד ער געהט מיט אים צו, צום טיש) וויא אהין זשי פארסטו מיין קינד?

יאזעף, איך האב געמאכט מיט דעם הערדין שותפת (צייגט אן אויף בארסין) פארין מיר קיין ביאלאסטאק נאך געוואנד קויפען.

שמואל זרח (בלייבט מיט אים שטיין נעבין טיש) נוא זאל גאטט געבין אין א גוטער שעה (רייכט אים דיא האנד) פאר געזונטער הייט מיין קינד, גאטט זאל דיר שיקין זיין מלאך אויף דעם וועג, ער זאל דיך אהין פירען אונ צוריק ברענגין בשלום אהיים.

יאזעף (נעהמט אים ארום קושט אים) בלייב געזונד פאטערשי, מיט געזונד זאלין מיר זיך טרעפין צוריק.

שמואל זרח (קושט אים אויך) אמן! וכן יהי רצון! (ער זעצט זיך אויף א שטיל) יאזעף (גיבט פראדלען דיא האנד) בלייבט געזונד מומע! אייך וועט דאך מסתמא אויך פרייהען מיך זעהען צוריק קומען בשלום?..

פראדיל (מיט חניפה) סטאטש סטאטש! דארפסט נאך פרעגין? איך וועל דאך פשוט טאנצין פאר שמחה!..

יאזעף

יאזעף , איך דאנק אייך מומעניו פאר אייער גוט הארץ , איך וויל אייך בעטין א קליינינקייט (געהט מיט איר צום טיש) איך פאר דאך א וועק, אונ הדסה איז דאך א עלענדע , האט ניט קיין עלטערין קיין פריינד , דרום זייט איר דער פריינד אירער, קוקט אפט צו איר געוואר ווערין ! (הדסה קוקט אויף דיא לעצטע רייד זיינע אריין דורכין גלאזונע טיר , בלייבט שטיין אין דער זייט רעכטס , העכסט אונמוטהיג) .

פירצעהנטער אויפטריט

הדסה אונד דיא פאריגע.

פראדיל (צוא יאזעפין) סטאטש סטאטש ! דוא דארפסט מיר נאך בעטין ? איך האב דאס דיר שוין אליין געוואלט זאגין ! וויא איז זיא ערגיץ ? (זיא גיבט זיך א געשווינדען דרעה אום אויף אלע פיר זייטין אונ ער זעהט הדסהן זיא לויפט צוא איר צוא) .

פראדיל (גלעט הדסהן ביים קאפ) הערסטו הדסהלי אז יוספיל וועט אוועק פארין זאלסטו זיך גאר ניט זארגין . איך וועל צו דיר קומען אלע טאג געוואר ווערין, דוא וועסט צו מיר אויך געהן אז דוא וועסט וועלין, וועסט ביי מיר לעזין דעם מנורת המאור אונ דעם צאינה וראינה אונ נאך אנדערי ספרים אבי דוא זאלסט ניט אונמיטהיג זיין , יא הדסהלי ?

הדסה (האלט אראפ געלאזין דיא אויגען, שווייגט) .

פראדיל (געהט פון איר וועק, צו יאזעפין) וואס איז זיא גאר ברוגז יוסף ? האסט זיך חלילה געקריגט מיט איר ?

יאזעף , בעהיטע גאטט , מיר ווייסין דער פון ניט ! (ער וויל געהן . הדסה לויפט אים א געגין) :

הדסה (צוא יאזעפין) א מיין טהייערער יאזעף ! דוא פארסט שוין אוועק !

יאזעף , יא מיינע טהייערסטי איך פאר שוין, נון זאג מיר וועסטו בלייבען רוהיג ביי מיין אפ רייזין פון דיר ?

הדסה , איך זאג דיר דאס צו , אבער מיט דעם בעדינג אז דוא זאלסט מיר אלע וואך בריעף שרייבין !

יאזעף , יעדער וואך זאלסטו פון מיר בריעף האבין .

פראדיל

פְּרַאדִיל (זֶעצְט זִיךְ נֶעבְּין מַאנֶן) נוּא אִיז מִיר יוֹסֶפִיל װֶעסְטוּ קֵיין בְּרִיעֶף נִיט שְׁרַייבֶּען גָאר ?

יָאזֶעף (עֶנְטְפֶערְט אִיר נִיט, רֶעדְט צוּ הֲדַסָהְן) װֶעסְטוּ מִיר בֶּעלַייטִין אָדֶער מִיר װֶעלִין זִיךְ דָא שֵׁיידִין ?

הֲדַסָה, אַךְ דָאס וָוארְט שֵׁיידִין בְּרֶענְגְט מִיךְ אִין שוידֶער! אִיךְ װֶעל דִיךְ לִיבֶּערְסְט בֶּעלַייטִין צוּם װַאגְזַאל, װַארְט נוּר אַ פָּאר מִינוּט נָאךְ, אִיךְ װֶעל מִיר גֶעהְן אָן טְרוּן. (ווִיל גֶעהְן, בְּלַייבְּט שְׁטֵיין װֶען בָּארִים הֵייבְּט אָן רֶעדִין) :

בָּארִים (אוֹיף שְׁטֵייהֶענְד פוּן אָרְט, קוּקְט אוֹיף זַיין זֵייגֶער רֶעדְט מִיט פֶער בֶּעהַלְטֶענִים צָארִין) אַךְ יָאזֶעף! נוּר פִינְף מִינוּטִין בְּלַייבְּט אוּנְז שׁוֹין צוּם אָפּ רַייזֶען! אוּם גָאטֶעס ווִילִין לָאמִיר שׁוֹין גֶעהְן צוּם װַאגְזַאל! װָארִין מִיר װֶעלִין פַארְשְׁפֶּעטִיגֶען דֶעם פָּאיֶעזְד!

יָאזֶעף (צוּ הֲדַסָהן, גֶעהְט צוּ אִיר צוּ) הֶערְר װַאלְדְמַאן הָאט רֶעכְט! פֶערְצֵייהֶט לִיבֶּע הֲדַסָה, אִיךְ קָאן מֶער קֵיין צַייט נִיט זוימֶען, מִיר מוּזִין זִיךְ דָא גֶעזֶעגִינֶען!

פְּרַאדִיל (שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף) נִישְׁט קָשֶׁה הֲדַסָה, אִיךְ װֶעל אִים גֶעהְן בֶּעלַייטִין! (צוּם מַאנֶן) אוּנ דוּא אוֹיךְ שְׁמוּאֵל זֶרַח?

שְׁמוּאֵל זֶרַח (שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף) שְׁטַאמְשׁ ווִיא דֶען? אִיךְ בִּין דָאךְ דְרוֹיף אַ הֶער גֶעקוּמֶען!

יָאזֶעף (רֵייכְט הֲדַסָהן זַיין הַאנְט, זִיא חַאפְּט זִיא מִיט הִיץ, לֶעגְט זִיא צוּ, צוּ אִירֶען הֶערְצִין).

בָּארִים (קוּקְט פוּן װַייטִין אוֹיף דֶעם, בֶּעװַייזְט אִין דֶער זַייט צָארֶענְד, גְרִימַאסִין).

הֲדַסָה (לָאזְט אָפּ דִיא הַאנְד, חַאפְּט יָאזֶעפִין אַרוּם, בֵּיידֶע צוּ קוּשֶׁען זִיךְ נַאכְהֶער טְרֶעט יֶעדְעְרִיר פוּן זַייא אָפּ אוֹיף אַ פָּאר שְׁפַּאן, רֵייכִין זִיךְ אֵייגֶער דֶעם אַנְדֶערִין דִיא הֶענְד).

הֲדַסָה (נֵייגְט זִיךְ צוּ אִים, שְׁרַייט אוֹיס) פָּאר גֶעזוּנְד מַיין טְהֵייעֶרִיר! פָּאר גֶעזוּנְד מַיין אַלֶלֶער לִיעבֶּענְדֶער!

יָאזֶעף (נֵייגְט זִיךְ אוֹיךְ) בְּלֵייב גֶעזוּנְד טְהֵייעֶרְסְטֶע מַיינֶע, אַדְיֶע!

הֲדַסָה, צוּם ווִידֶער זֶעהְן!

יָאזֶעף, גֶעבֶּע גָאטְט! (לָאזִין זִיךְ אָפּ דִיא הֶענְד).

בָּארִים (גֶעהְט צוּ, צוּ הֲדַסָהן, גִיבְּט אִיר זַיין הַאנְד) אַדְיֶע! בְּלַייבְּט

געזונד

געזונד! הדסה, פארט געזונדער הייט! (בארים געהט אב דורכ'ן גלאוונים טיר. נאך אים: יאזעף, שמואל זרח אונד פראדיל).

פינפצעהנטער אויפטריט

הדסה זעלבסט.

הדסה (אלס אלע זענען וועק געגאנגן, שטייט זיא אפאר זעקונדען אונ קוקט צו דער טיר, נאכהער זעצט זיא זיך אויף א שטוהל וועלכע שטייט געגין פובליקום, קוקט זיך אום אויף אלע פיר זייטין פון שטוב מיט העכסט אונמוטהיגע בליקען).

הדסה (נאך א לאנגע פויזע) אללע זענען אוועק געגאנגין, נור איך בין געבליבען! (פויזע) גאטט! וויא שרעקליך מיינע גלידער שוידערין! וויא האסטיג מיין הערץ אין מיר קלאפט! (לעגט דיא האנד צום הערצין) אך הערץ מיינס! ווארום קלאפסטו אזוי שטארק?.. ווער האט דען דיר געשטערט דיין רוה?.. בארים?!.. א ער איז שרעקליך קאלט! ער שפירט ניט דיא ליידין פון פאמיליען שיידונג! זאגאר מיין לעצטין פערגעניגען האט ער פון מיר גערויבט! האט ניט געלאזין מיך מיין יאזעפין בעלייטין! (פויזע) נור ניין! דאס וועל איך אים ניט נאך געבין! (שטעלט זיך אויף) איך לויף צום וואגזאל וויא אזוי איך געה! פיילייכט נאך יאזעפין טרעפין! וועל נאך קושין זיין ליבען געזיכט! וועל נאך הערין זיינע זאנפטע ווארטין! (לאזט זיך לויפין צום גלאוונע טיר) איך לויף!...

דער פארהאנג לאזט זיך שנעלל העראב.

צווייטער אקט

(בייא דיזען אקט שפילען אלע פערזאנען זייערי ראליען אויסער פראדלין אונד דעם דאקטאר מיט זיין דענשטשיק).

(דער ערשטיר האלב פון דער אקט געשיהט אין בילוויזשער וואלד געבין ביאלאסטאק, אונד דער צווייטער בייא הדסן, דיא צייט פון דעם אקט איז; אין מארגען שטונדע).

סצענע

(ואלד פון דרייא זיימין גרויסע געדיכטע בוימער, אין דער מיט א אוים געטריטענער וועג פון גראז, פון דיא בוימער וועלכע זענען געגין פובליקום קומען ארוים בארים מיט יאנקלען, געקליידעט וויא אין ערשטין אקט) .

ערשטער אויפטריט

בארים אונד יאנקעל

בארים (שטעלט זיך מיט אים אפ נעבין א בוים) איך פארשטעה דיך נית יאנקיל, דער גוטע יאהר זאל דיך וויסען וואס דוא האסט געמיינט דער מיט ! נאך אמאהל ; איך רעד גאנץ גוט אפ מיט דיר אין בריסק אז איך פאר אוועק מיט אים אויף דעם אופן אז איך זאל אים טיידטין אונ צום סוף אז איך האב שוין פארטיג געמאכט דעם טוידט פאר אים האב איין געשיט סם אין זיין גלאז טהעע ער זאל זיא אויס טרינקען קומסטו גאר אונטער פליצלונג אונ קערסט איבער דיא גלאז טהעע ! איך פאר שטעה דאך אז דוא האסט דאס אימוכטין געטהין אונ וואס זאל דאס בעדייטין הא ?

יאנקיל (שטעלט זיך געגין אים) האט מיר קיין פעראיבעל נית מיין הערר, איר האט קיין שכל נית ! איר וואלט יאזעפין טיידטין אויף אזא אופן אז מיר ביידע זאלין אוועק געהן דער נאך אויף קאטארזשנע ארבייט ! בארעכינט נור וואס איר האט דא געוואלט טהון ! איר האט געוואלט יאזעפין פערסמין, נוא וואס וואלט געווען אז ווען ער וועט דער פילען דעם סם אין זיך, וואלט ער דאך אן הייבין צו שרייען אז נור מיר האבין דאס געטהון ווארין אחוץ אונז איז דאך קיינער ניטא אין דעם נומער, וואלטין אויף זיין געשרייא אן געלאפין באלד דער בעל הבית פון דעם האטעל מיט אלע זיינע משרתים אונ אונז איבער געענפערט דער פאליצייא, וואס זשי וואלטין מיר געפועלט ? יאזעף וואלט געזונד געווארין אונ מיר וואלטין אוועק געהן אויף קאטארזשנע ארבייט ! נוא פרעג איך אייך, איז גלייך אייער פלאן ?

בארים, נוא זאג זשי דוא א בעסערין פלאן ?

יאנקיל, איך האב א אוים געצייכענטען פלאן, אבער איך וועל אים אייך ניט זאגין ביז איך וועל וויסען וויפיל געלד איך האב ביי אייך! (שטעלט זיך ריא דעם מיט אים).

באריס (דרעהט זיך אוים מיטין פנים צו אים) וואס זשי האסטו דא ניט צו וויסען? איך האב זיך דיר איין מאהל געזאגט אז איך וועל דיך ניט אביזשייען!

יאנקיל דאס געהט ניט, איך מוז וויסען אימענא וויפיל געלד איר גיט מיר!

באריס, נוא דוא האסט ביי מיר הונדערט רובל!

יאנקיל (דרעהט זיך פון אים וועק, פאר הונדערט רובל לאז איך מיין בעל הבית ניט הארגענין

באריס, נארישער מענש! וויפיל יאהרין דארפסטו ביי אים דינען ביז דוא וועסט צו נויף קלויבען הונדערט רובל?

יאנקיל (שטעלט זיך ריאדעם מיט אים) דער פאר וועל איך אבער ניט הייסען קיין מערדיר! באריס (מיט כעס) וואס זשי, האסט שוין אפשר חרטה?

יאנקיל, חרטה האב איך ניט, נור איך האלט פון דעם ווערטיל: עס איך חזיר זאל איך עסין, עס זאל מיר אזש רינען פון מויל!...

באריס (מיט פעראכטונג) וויפיל זשי ווילסטו?

יאנקיל, ניט מער וויא פינף הונדערט רובל!

באריס (טראכט וועניג) טשארט וואזמיא! אז מען דארף דעם גנב שניידט מען אים פון דער תליה, אז איך האב מיך שוין אויף דיר אזוי פיל פערטרויעט, קאן איך דיר שוין ניט אפ לאזין עס בלייבט אויף דיינע רייד, יעצט זאג מיר דיין פלאן וויא אזוי אים צו טיידטין:

יאנקיל, מיין פלאן איז א אוים געצייכנעטער, ער וועט אייך געפעלין אונ מיר וועלין אים אוודאי אוים פירען, נור גיבט מיר פריער דאס געלד!

באריס, ניין, געלד וועל איך דיר אנדערש ניט געבין וויא אויף דיא דאזיגע פונקטין. ווילסטו בעשטיין איז גוט, ווען ניט דארף מען ניט, הונדערט רובל געב איך דיר אז איך וועל אים הארגענין, הונדערט רובל ווען דוא וועסט הדסהן אן זאגין פון זיין טוידט, אונ דיא לעצטי 300 רובל וועל איך דיר געבין אז איך וועל הערין פון הדסהן אז זיא נעהמט מיך פאר א מאנן.

יאנקיל

יאנקיל (מיט א שמייכיל) אט אדא ליגט דער הונד בעגראבין ! אצונד ווייס איך שוין פאר וואס איהר ווילט יאזעפין הארגענין ! אייך האט פארשמעקט זיין פרוי ! חלעבין, איר האט ניט קיין מיאוסין גוסט, איר ווייסט וואס שיין איז ! . .

בארים לצנות אן דער זייט, ווארין דיא צייט איז קורץ, זאג מיר שוין בעשטעהסטו דרויף צו גיין ?

יאנקיל, איך באשטעה דרויף. נור וואס וועל איך אבער טהון אז הדסה וועט זאגין אז זיא וויל אייך ניט ? בלייב איך דאך נור ביא 200 רובל, וואס זשע וועט דא מיר ארויס קומען ? אין איין האלב יאהר ווערין זייא ביא מיר צו קראבין, אונ איך וועל דארפין ווידער זיין א משרת !

בארים, דאס וועט זיא ניט זאגין, איר נויט וועט איהר צווינגען אז זיא זאל מיט מיר חתונה האבין, ווארין זיא האט דאך קיין קינדער מיט יאזעפין, וועט זיא דאך דארפין נעהמין חליצה ביים ברודער זיינעם. . . .

יאנקיל (פערחאפט) איך פערשטעה וואס איר ווילט זאגין, דער ברודער איז דאך אבער א לעקיש, ער קען איר געבין די חליצה פאר א גלעט אין בעקיל, ער וועט זיך מישב זיין אז זיא קאסט אים קיין געלד ניט מעג ער זיא אפ געבין אהן געלד :

בארים, דער פאר זארג דיך ניט, ער אליין איז אפילו וויא דוא זאגסט א לעקיש, דער פאר האט ער אבער א קלוגע שטיפמוטער, אונ זיא וועט אים אויס לערנין וויא אזוי צו באגעהן זיך מיט דער חליצה, אונ דאמאלס בלייבט דאך הדסה בלוט ארעם, אונ קיין פריינד האט זיא ניט זייא זאלין איר העלפין, וועט זיא מיטביידע הענד אין מיר זיך אן חאפין, וויא זאגסטו ? ניט אזוי הא ?

יאנקיל, איר האט רעכט, נוא אצונד הערט אויס מיין פלאן, אונ קלאפט מיר אין פלייצע, בראווא, פאר מיין קלוגען קאפ איר געהט אצונד א היים, אונ רופט יאזעפין ער זאל מיט אייך געהן שפאצירען א ביסעל אין וואלד, ער וועט דאס אייך ניט אפ זאגין, ווארין ער, אויף שפאצירען געהן אין מארגענס איז איין אחאטניק, ער זאגט אז דאמאלס איז דיא לופט פריש אונ געזונד צום מענשין, נור פריער זאלט איר אן גרייטין אין קעשעני א אן געלאדענים רעוואלווער אז איר וועט מיט אים אריין קומען אין וואלד זאלט איר אים אן

הויבען אפ צו לויפען דעם שיינעם געזונד, און ער האט דאס זייער ליעב צו הערין נאך דעם זאלט איר אים איבער לאזין אליין אויף א פאר מינוטין דא שטיין מיט דעם אוים רייד; אז איר וועט אויף זוכען דאס ארט פון דיא פייגלען נעסטין, ווארין ער האט זייער ליעב דרויף צו קוקען וויא דיא פייגלען לערנין זייערי קליינע פייגעלאך פליהען, און איך וועל דער ווייל צו אים אונטער קומען, און מיט אים זיך פארעדין גאנץ געשמאק, דאמאלס זאלט איר אונטער לויפען צו אים פון אינטען און אויף אים אוים שיסען, וועט ער פאלין טוידט קיינער וועט גאר ניט וויסען, און מיר וועלין אהיים קומען אין אונזער האטעל און פאר נעהמין דיא זאכין אונזער, און גאנץ שטיל אהיים פארין! נוא וואס זאגט איר אויף דעם פלאן, איז ער ניט בעסיר וויא אייעריר?

פארים (שמייכלט) איך האב זיך גאר ניט געריכט אויף דיר אז דוא זאלסט האבין אזוי פיל שכל! (קלאפט אים אין פלייצע מאלאדיעץ יאנקיל) האסט שוין דיא ווערטה דיא עטליכע הונדערטערס! (קוקט אויף זיין זייגער) א שוין שפעט! מיר האבין זיך דא זייער לאנג פער זאמט, און עס קאן זיין אז יאזעף איז שוין אפשר אוועק געגאנגין, דא בלייבען מיר גאר אוים גישטעלט ווארין אין צוויא שעה ארום פארט אוועק דער פאיעזד קיין ביאלאסטאק, און דארטין וועט אונז שוין שווער זיין אוים צו פירען דעם פלאן, אלזא בלייב דוא דא איצער, און איך לויף שוין צו אים, אויב איך וועל אים נאך אין דער היים טרעפין, ברענג איך אים באלד אהער! (אב).

צווייטער אויפטריט

יאנקיל זעלבסט.

יאנקיל (שפאצירט לאנגזאם איבער דער סצענע) אויף אלם דינג קומט א צייט! איך האב געמיינט אז איך וועל שוין ביז אין טוידט דארפין זיין א משרת, אז א גראביר יונג בין איך, קיין מלאכה קען איך ניט, גנבינען האב איך מורא צו געהן, זינד מען האט מיר דאמאלס אן געקלאפט דיא זייטין, האב איך גירעכינט אז איך בלייב שוין איין עוויגער משרת. איז אבער דיא צייט אויף מיר געקומען און מיך אויף גירעכט! (בלייבט שטיין מיטין פנים צום פובליקום) אוי, וויא אזוי אויף גירעכט? דורך מיין בעל הבית טוידט? נוא

וואס

וואס איז דא פאר איין אונגליק ? צו פאסירט זיך דען ניט דיא גאנצע וועלט אזוי ? איינער ווערד רייך , ווייל דער אנדעריר איז געווארין ארעם; איינער לעבט , ווייל דער אנדעריר שטארבט, און ווען עס זאל זיך אזוי ניט פאסירען וואלט דאך גאר דיא וועלט קיין קיום ניט געהאט ! מענשין וואלט געוועזען אזוי פיל וויא פליגען, אז איינער אויף דעם אנדערין וואלט געקראכין אויס ענגשאפט , און אלע וואלטין אין דיא גאסין געפאלין פאר הונגער ! דער וואס מאכט טרומבים וואלט ניט געהאט ווערמין זייא צו פערקויפען , דער קברות יוד וואלט ניט געהאט ווערמין צו היטען , אדער בייא ווערמין דיא תכריכים אפ צו רייסען , דער רייכער בן יחיד וואלט פערשפארט, גאט בעטין אויף זיין פאטירס טוידט, חברה מאלאצעס וואלטין אין דיא קאבאקין אויף עביג אנשלאפין געווארין און ניט געהאט ווערמין צו בעגראבין , חברה קדישה וואלטין געמוזט דעם שווארצין בוך פארברענין , מקבלים וואלטין פערטשאדעט געווארין אין קלויז ביים אויבין און קיינער וואלט זייא ניט געקומען רופען משניות צו לערנען, הכלל , די וועלט וואלט קיין וועלט ניט געוועזין און די מענשין ניט ! גאט האט אזוי געמאכט אז איינער זאל שטארבין , כדי דער אנדעריר זאל קענין לעבין, נור וויא אזוי שטארבין ? צו מיט א צייט, צו אהן א צייט ? דאס איז אלעס איינס ! אבי ער רוימט אפ דעם וועג כדי דער אנדעריר זאל קענין לעשין ! (פויזע , שפארט זיך צו נעבין א כוים) איך טהוא אפילו ניט פינקטליך וויא איך רעד דא יאזעף רוימט דאך פאר מיר ניט אפ דעם וועג. איך רוים דאך מיר אליין אפ דען דורך מיר שטארבט ער , נון וואס וועט זיין אז שפעטיר וועט קומען איין אנדעריר און וועט מיך הארגענין כדי ער זאל פאר זיך אפ רוימען דעם וועג ? (א קורצע פויזע, שפאצירט) נור טשארט וואזמיא ! דרויף דארף איך ניט קלערין! מחמת דער פיש אין וואסער פרעגט זיך דען דאמאלס ווען ער שלינגט איין אנדער פיש , אז שפעטער וועט אפשר איין אנדער פיש אים איין שלינגען? ניין ! ער דארף גאר דרויף ניט קלערין , ווער ווייסט וואויל אז ער איז הונגעריג דארף ער זוכין דורך ווערמין זיין הונגער צו שטילען, איך בין ארעם און גוט אויף צרות דארף איך מיך זעהען צו העלפין , און ווען איך קאן פון זיך אליין ניט געהאלפין ווערין , דארף איך דאס זוכין פון איין אנדערין געהאלפין צו ווערין , ווען ניט מיט זיין לעבין, איז אויך נישט קשה מיט זיין טוידט ! (בלייבט שטיין מיטין

פנים

פנים צום וואלד, פון אונטער דער סצענע הערט זיך יאזעפס שטימע מיט פאלגענדע ווערטיר: „אך וואס פאר א שיינער וואלד!“ יאנקיל קערט זיך אום מיטין פנים צום פובליקום, רעדט ארויס גיך דיא פאלגענדע ווערטער: דער פויגעל איז שוין אין שטייג! און לויפט שנעלל אוועק אין דער לינקער זייט צו דיא בוימער און געהט אב פון דער סצענע) (פון דיא בוימער וועלכע זענען געגין פובליקום, קומען ארויס באריס מיט יאזעפין געארעמט, דער ערשטיר געהט אן געטהון זיין ראק און האלט אין קעשעני א אן געלאדענים רעוואלווער, און דער צווייטער האלט זיין ראק אויף איין האנד).

דריטער אויפטריט

באריס אונד יאזעף.

באריס (געהט מיט אים לאנגזאם צום פובליקום ביא דער רעכטיר זייט) איך האב אייך געזאגט הערר פיינהאלץ אז דער וואלד איז אונז צום בעוואנדערים ווערטה! (ווייזט מיט דער האנד אן צו דער רעכטיר זייט צו דיא בוימער) בעטראכט נור זיינע הויכע בוימער וויא גרויס זייא זענען, און דיא גרינע בלעטער פון זייא, וויא שיין זייא קליידען דיא בוימער! היינט דעם זיסען הארמאט וואס יעדער בלעטעלי גיבט פון זיך ארויס, עס דערקוויקט פשוט אלע אברים פון מענשין! וויא זאגט איר יאזעף? (שטעלין זיך אפ מיט דיא פענימער צום רעכטין זייט).

יאזעף, יא עס איז ווירקליך אזוי וויא איר זאגט הערר וואלדמאן! און איך דאנק אייך זעהר פיר דעם פערגעניגען וואס איר האט מיר פערשאפט. מיך צו רופען מיט אייך שפאצירען, איך שפיר מיר דא אזוי גליקליך, וויא איך וואלט זיין אין אגן עדן!..

באריס (דרעהט זיך מיט אים אוים א געגין פובליקום, שטייט מיט אים) דאס איז נאך גאר ניט, איך וועל אייך נאך פירען צו דעם ארט וויא דיא יענערם געהען אויף פאליוואניע, אט דארטין וועט איר ערשט פון אייער פערגעניגען וויסען! איר וועט זעהן פיל פייגלען געסטין מיט גרויסע און קליינטשקע פייגליך. וויא צוקער זים זייא זינגען זייערע מארגען לידער. וויא וואנדער באר. דיא מוטערם זייערע לערנען זייא פליהען, דארטין וועט איר בעטראכטין דיא פארבארגענע קראפט

פון

פון דער פארזעהונג אין דער נאטור , מיט איינעם ווארט : אז איר ווערט דארטין זיין ווערט איר גאר אליין ניט וויסען אויף וועלכע וועלט איר זענט : צו אויף דעם הימעלשין פאראדיז , אדער אין דעם ערדישען !

יאזעף (געהט מיט אים) וויא ווייט איז צו דעם ארט ?

בארים (שמעלט מיט אים זיך אפ) ניט זייער ווייט , איך האב אפילו געוויסט דעם וועג אהין , נור איך האב אים שוין יעצט גאנץ פארגעסין , ווארין שוין צוויא יאהר אז איך בין אין דעם וואלד ניט געוועזען , פריער ווען איך האב אין ביאלאסטאק געוואוינט פלעג איך כמעט אלע טאג דא אין וואלד שפאצירען , שטייט דא אפאר מינוט הערר פיינהאלין , וועל איך געהן אויף זוכען יענעם ארט וואס איך האב אייך געזאגט (מאכט זיך לויז פון זיינע ארעם) .

יאזעף (האלט אים לויז פארין האנד) צו וואס ? חלעבין אז איך האב ניט פערדינט איר זאלט זיך וועגין מיר בעמיהען !

בארים (דרעהט זיך פון אים אוועק , מיטין פנים צום וואלד) בייא מיר הייסט דאס ניט קיין מיה , אין געגענטהייל : איך האב דיא גרעסטי הנאה אז איך פערשאף א פערגעניגען (ער געהט צו דעם ארט פון וועלכין ער איז מיט יאזעפין אן געקומען , נעהמט זיך רעכטס געהט אב) .

יאזעף (בלייבט שטיין גאנץ נאהענט צום פובליקום געבין א בוים מיטין געזיכט צום לינקער זייט) .

יאנקיל קומט ארויס פון לינקער זייט)

פירדטער אויפטריט

יאזעף אונד יאנקיל

יאנקיל (לאזט זיך געהן גלייך צו יאזעפין) .

יאזעף (דער זעהט אים , שמייכעלט) דוא ביזט אויך דא יאנקיל ?

יאנקיל (קומט צו אים צו) וואס דען מיינט איר ? יאנקיל וועט ניט געהן אן קוקען אזא וואלד ? . . (שטעלט זיך געגין אים) .

יאזעף (שמייכילט) ער געפעהלט דיר שטארק דער וואלד ?

יאנקיל , אהא ! נאך וויא אזוי ערגעפעלט מיר ! איך זאל קענען וואלט איך אים אזש איין געשלינגען פאר ליבשאפט !

יאזעף

יאזעף (רייסט אפ א צווייגעל פון א בוים, ווייזט אים) בעטראכט נור יאנקיל דיא גרינע בלעטיר מיט זייערי שיינע קווייטין פון דעם צווייגעל! וויא קינסטליך דיא נאטור האט דאס ארויס גיגעבין! וויא רייצענד זייא שיינען! וויא ליבהאפט זייא שמעקין! וויא שיין יעדער בלעטעלע איז אויס געשניטען! א מייסטער ווערק פון גאטט! (ער שמעקט דאס).

יאנקיל (שטעלט געטליבע לאנגזאמע טריט, בלייבט שטיין אין מיטין דער סצענע מיטין געזיכט צום פובליקום, אונ קוקט צום לינקער זייט).

יאזעף (געהט צו אים צו, ווייזט אים דאס צווייגעל) קוק צו דעם צווייגעלע יאנקיל, אט זעה: איך האב דאס אפ געריסען, זאל זיך צום ביישפיל אינטער נעהמין א מענש וועלכער זאל דאס קאנען צו ריק זעצין אויף דעם פאריגען ארט? אונ עס זאל ווייטער בליהען? גיין; דאס קאן קיינער שוין ניט! (בארים קומט ארויס פון דיא בוימער וועלכע זענען אינטער יאזעפין מיט א רעוואלווער אין האנד).

פינפטער אויפטריט

בארים אונד דיא פאריגע.

בארים (רוקט זיך נאהענטער צו צו יאזעפין).

יאנקיל (קוקט בגניבה זיך אים ארונטער, רוקט זיך אפ פון יאזעפין).

יאזעף (שטייט גלייך מיטין פנים צום פובליקום, הייבט דיא אויגען ארויף:) א אללמעכטיגער גאטט! אללמעכט אונד פערבארגען זינד דיינע ווערק! קיין מענשליכער שכל איז ניט אין שטאנד דאס מינדעסטי פון זייא צו ערקלערען מיט דעם גרונד! קיין מענשליכע האנד גיבט, וועלכע זאל אין שטאנד זיין דאס קלענסטע פון דיינע ווערק נאך צו טהון! (קוקט אויף דעם צווייגעל) בארים (שטעלט זיך אויף אזא ארט וואס דער פובליקום זעהט אים צילט מיט זיין רעוואלווער צו יאזעפין).

יאזעף (שמעקט דאס צווייגעל) איך דאנק דיר ליעבע זיסע נאטור גאטט! וואס דוא בליהעסט אויף, אלע גרעזין, גיבט ארויס פערשיעדענע געוויקסע כדי צו ערקוויקען דיא געניעם פון מענשין, אונ כדי (אויף דיזע רייד שיסט בארים אויף אים אויס אונ ווערד

פערשווינדען

פערשווינדען, צו אוים לייטערין דיא ..... (ער פאלט מיטין קאפ צום וואלד, שרייט מיט א שטערבענדין קול :) רעט... טעט! ... פער... בייא! (בלייבט שטיל).

יאנקיל (לויפט צו אים צו חאפט דעם ראק זיינעם פון דער ערד אונ לויפט אב).

יאזעף (שוואך) איך ... געה ... אוים! ... (א פארהאנג לאזט זיך אראפ מיט טירען, עס ווערד פארגעשטעלט א קארידאר פון הדסהם וואוינונג, אויף ביידע זייטין צווייא טירען, פון רעכטס קומען אן מלכה מיט הדסהן, דיא ערשטי, געקליידעט וויא אין ערשטין אקט נור מיט א שאלעכיל אויף דעם קאפ, אונ דיא צווייטע געהט אין א שווארץ זיידין קלייד, דעם קאפ פארקעמט).

זעכסטער אויפטריט

מלכה אונד הדסה.

הדסה (אלס זיא קומט מיט איר אריין) אזוי, ביזטו אויך ליידיג געקומען פון פאסט? (בלייבט מיט איר שטיין צום רעכטי זייט).

מלכה, ליידער, יא!

הדסה (ברעכט מיט דיא הענד) עס איז מיר זייער שלעכט! איך געה אוים פאר יסורים! ברענג חאטש אריין א בענקיל איך זאל מיך זעצין!

מלכה (געהט אב פון רעכטיר זייט).

זיבענטער אויפטריט

הדסה זעלבסט.

הדסה (בלייבט שטיין געגין פובליקום נעבין וואנד, דיא הענד פארלעגט, איינע אויף דיא אנדערי אראפ געלאזין, שווייגט א פאר זעקונדען) שוין צווייא וואכין אז יאזעף איז אוועק געפארין, צווייא וואכין! אונ איך האב נאך ניט איין בריעף פון אים ערהאלטין! (הייבט מיט דיא אקסלען) איך וויים גאר ניט וואס צו טראכטין דעריבער! (קוקט ארויף) גאטט! זאל יאזעף זיין מיר זיך אזוי פערגעסין? (קוקט אראפ, דרייהט מיטין קאפ אויף „ניין”) א ניין! דאס קאן ניט זיין,

סיין

מיין מאנן קאן אן מיר ניט פארגעסין, ער ווייסט אין וועלכע לאגע ער האט מיך געלאזין, אז אהן אים בין איך עלענד ! אונ דעריבער, וויא ער זאל קיין צייט ניט האבין, דארף ער מיר אפפערין איינינע זעקונדען אויף א בריעף מיר צו שרייבען, (פויזע שאקעלט מיטין קאפ וויא מען בעקלאגט איינעם) א יאזעף, יאזעף ! האסט מיר צו געזאגט: אין דער צייט שוין צוויא בריפע צו האבין פון דיר, אונ צום סוף האב איך קיין איין בריעף אויך ניט ! וואס זאל דאס בעדייטין יאזעף ? ווארום שרייבסטו מיר ניט ? צו ביזטו ניט חלילה קראנק ? (מיט שוידער) א גאטט ! מיין יאזעף איז אוודאי קראנק אונ איך וויים דער פון ניט ? מיין איינצעלנדער פריינד אויף דער וועלט ליגט פערמוטהליך אויף קראנקין בעט אונ איך בין אזוי ווייט פון אים ? (קורצע פויזע) א ! מעכטי איך פליהען קאנען, העטטע איך דאך אין איינער מינוט זיך ערקונדיגט וואס ער טהוט ! (רוהיגער) אבער ניין! ניט מיר מענשין זענען ווערטה אזא טהייער אייגענשאפט צו בעזיצען ! ניט צו אונז איז גינעבין געווארין דיא פליגלען, אנשטאט זייא, האבין מיר הענד מיט וועלכע מיר טהוען זיך בייזעס איינער דעם אנדערין, אונ ווער וויים וועלכעס בייז דיא מענשליכע הענד האבין מיין יאזעפין פערשאפט ? פאר דעם געדאנק האב איך מיך פריער געשראקען, אונ יעצט ציטטער איך פאר אים ! הלוואי, אז דיא שרעקין אונ ציטטערין מיינע זאלין זיין אומזיסטיגע ! (פויזע, קוקט פאנאסטעש) יא איך האב געזינדיגט פריער וואס מיין מאנן פערדינט קיין געלד ניט, וואס מיר דארפין לעבין פון גרייטין קאפיטאל, א. איך וואלט יעצט שוין צו פרידען זיין, א טרוקען שטיקעל ברויט צו עסין, אבי מיין יאזעף זאל זיין נעבין מיר ! דען וואס נוצט מיר מיין גוטם. אז מיין הארץ איז מיט שמערצין פול ! מיינע אויגען אין טרערין פער באדין ! אונ מיין קאפ איז פול מיט שרעקליכע וויסטע געדאנקען ! (מלכה קומט אריין דורך דער רעכטיר זייטין טיר, אהן דעם שאלביל. מיט א בענקיל אין האנד).

אכטער אויפטריט

מלכה אונד דיא פאריגע פערזאן.

מלכה (שטעלט דאס בענקעל נעבין הדסהן).

הדסה (זעצט זיך דרויף, האלט אראפ געלאזין דעם קאפ).

מלכה (שטעלט זיך געבין איר) חלעבין מאדאם אז איר האט אייך גאר ניט וואס צו זארגען, מיט דעם הערר איז חלילה קיין ביזעס געשייהען, דאס איז ניט אנדערש וויא זיא זענען געוועזן שטארק פערטראגין אין זייערע גישעפטין בשעת זייא האבין צו אייך א בריעף געשריבען, האבין זייא פארגעסין צו צו קלעבען א מארקא צום קאנווערט, האבין דאס אזוי אריין געווארפין אין פאסט קעסטיל אונ דיא פאסט האט עס אפ גישטעלט דורך דעם.

הדסה, אך וואס דוא רעדסט! ווען איך זאל שוין גלויבען אז עס איז אזוי געשעהען, קען דאך א טעות נור זיין ביא איין בריעף, אבער ניט אויך ביים צווייטין וואס האט מיר געבארפט היינטיגע וואך אן קומען!

מלכה, מעגליך איז, אז זייא האבין מער קיין צייט געהאט צוא שרייבען!

הדסה, אונ דאס איז מיר אויך ניט צו גלייבען! פינף מינוטין קען ער אלער צייט פון מייגעט וועגין אפ שפארין אויף א בריעף צו שרייבען, אונ צווייטענס וויא וואלט ער דעם שווער עפים ניט געשריבען?

מלכה, עס קאן זיין אז זייא האבין שוין א בריעף! איך וועל אריבער געהן פרעגין, (זיא וויל געהן דוד וועלוויל קומט אריין דורך דעם לינקען זייט געקליידעט וויא אין ערשטין אקט).

ניינטער אויפטריט

דוד וועלוויל אונד דיא פאריגע.

מלכה (צו הדסהן, אלס זיא זעהט אים אריין קומען) אט איז דוד וועלוויל דא!

דוד וועלוויל (געהט צו, צו הדסהן) אט בין איך טאקי געקומען!

הדסה (צו מלכהן) ברענג אריין מלכה נאך א בענקער.

רבקה (גייט אב דורכין רעכטין זייט).

צֶעהְנְטֶער אויפְטְרִיט

דִיא פָארִיגֶע אָהְן מַלְכָּהן.

הֲדַסָה (צוּ אִים) עֶס אִיז שׁוֹין אֶפְשַׁר אַ בְּרִיעף דָא פוּן יוֹסְפְן בַּייא אַייך?

דָוִד וֶועלְווִיל. נֵיין, מִיר הָאבִּין גָאר נִיט! דֶער טַאטִי ווֵייסְט גָאר נִיט וָואס עֶר זָאל שׁוֹין זָאגִין!.. עֶר הָאט הַייגְט גֶעזָאגְט אַז צוּרִיק גֵייהֶענְדִיג פוּן גַאס וֶועט עֶר צוּ אַייך אַרֵיין גֶעהְן גֶעווִואיר וֶוערִין אוֹיבּ אִיר הָאט אַ בְּרִיעף. (מַלְכָּה קוּמְט אַרֵיין מִיט אַ בֶּענְקֶעל, שְׁטֶעלְט דָאס גֶעבִּין דָוִד וֶועלְווִולֶען, גֶעהְט צוּרִיק אַב).

הֲדַסָה. זֶעץ דִיךְ דָוִד וֶועלְווִיל, וָואס שְׁטֵייסְטוּ?

דָוִד וֶועלְווִיל (זֶעצְט זִיךְ).

הֲדַסָה. פַאר וָואס קוּמְט נִיט אַ מָאהְל דִיא מוּמֶע גֶעווָאר וָוארִין צוּ מִיר? זִיא הָאט דָאךְ צוּ גֶעזָאגְט יָאזֶעפִין אַז זִיא וֶועט אַלֶע טָאג בַּייא מִיר זַיין?

דָוִד וֶועלְווִיל (גִיבְּט זִיךְ אַחַאפּ מִיט רַעש) אוֹי הֶערְט זְשֵׁי שְׁוֶוענֶערִין אִיז זִיא אַזַא לִיגְנֶערְטֵי סַכָּנוֹת! שׁוֹין פוּן צְוֵוייא נֶעכְט אַז זִיא גִיט מִיר נִיט קֵיין קִישְׁען אוֹיף דֶער זַייט צוּ לֵייגִין. אַז עֶס הָאט מִיר אָבֶּער אָן גֶעהוֹיבֶּען שׁוֹין שְׁטַארְק צוּ קְוֶועטְשִׁין, הָאבּ אִיךְ דָאס הַיינְט דֶער צֵיילְט דֶעם טַאטִין, אַז זִיא הָאט דָאס דֶער הֶערְט הָאט זִיא זִיךְ אָפּ גֶעשְׁווָאוֹירֶען פַאר אִים אֶפְשַׁר מִיט טוֹיזֶענְד שְׁבוּעוֹת אַז זִיא אִיז גָאר נִיט שׁוּלְדִיג זִיא ווִיל מִיר גֶעבִּין דֶעם קִישְׁען נוּר אִיךְ ווִיל אִים נִיט נֶעהְמִין! נוּא וָואס זָאגְט אִיר שׁוֹין צוּ אַזַא לִיגְנֶערְטֶע?... (זֶעצְט זִיךְ, קוּקְט אוֹיף אִיר).

הֲדַסָה (נָאךְ אַ קוּרְצֶע פּוֹיזֶע) הָאסְט שׁוֹין עֶפִּיס גִיגֶעסִין דָוִד וֶועלְווִיל?

דָוִד וֶועלְווִיל (דְרֶעהְט מִיטִין קָאפּ) אִיךְ בִּין נָאךְ נִיט הוּנְגֶערִיג! (מַלְכָּה לוֹיפְט אַרֵיין הַאסְטִיג דוּרְכִין זַייט פוּן לִינְקְס).

עֶלְפְטֶער אויפְטְרִיט

מַלְכָּה אוּנד דִיא פָארִיגֶע.

מַלְכָּה. אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגִין אַ בְּשׂוֹרָה מַאדַאם, נוּר אִיךְ ווֵייס אָבֶּער נִיט ווִיא אַזוֹי אִיר אָן צוּ רוּפֶען?...

הַדַסָה (צוּ שְׁרָאקִין, שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף) רוּף וְויא אַזוֹי דוּא ווִילְסְט אַבִּי דֶער צַייל שׁוֹין!

מַלְכָּה, יַאנְקִיל גֶעהְט צוּ אוּנְז!

הַדַסָה, אוּנ יָאזֶעף אוֹיךְ?

דָוִד וֶועלְוְויל (שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף) אוּנ מַיין בְּרוּדֶער נִיט?

מַלְכָּה אִיךְ ווֵייס נִיט, אִיךְ זֶעה נוּר יַאנְקְלִין צוּא אוּנְז גֶעהְן, מִיט דֶעם הֶערְם טְשַׁאמַאדַאן אִין הַאנְד. נוּר עֶפִּים גֶעהְט עֶר זֵייעֶר לַאנְגְזַאם, דֶעם קָאפּ אַרָאפּ גֶעלַאזִין אוּנ דָאס פָּנִים אִיז אִים זֵייעֶר חָמוּרְנֶע!

הַדַסָה, דָאס בַּארְף אוֹיף עֶפִּים בֶּעדַייטִין! (שְׁרַייט) רוּף אִים! רוּף אִים גִיכֶער צוּ מִיר אַרַיין! אִיךְ זָאל שׁוֹין ווִיסֶען וָואס מַיין שִׁיקְזַאל בְּרֶענְגְט מִיר הַיינְטִיגֶען טָאג!

מַלְכָּה (לוֹיפְט אָב דוּרךְ דֶעם לִינְקֶען טִיר).

דָוִד וֶועלְוְויל (לוֹיפְט אִיר נָאךְ:) וַוארְט וַוארְט! אָט גֶעה אִיךְ אוֹיךְ (אָב).

צְווֶעלְפְטֶער אוֹיפְטְרִיט

הַדַסָה זֶעלְבְּסְט.

הַדַסָה (גֶעהְט הִין אוּנ צוּרִיק שְׁטַארְק רַאזְסְטְרוֹיֶעט, שְׁטֶעלְט זִיךְ נָאהֶענְט צוּם פּוּבְּלִיקוּם זִינְגְט דֶעם לִיעד:)

אִין יֶעצְטִיגֶען מָאמֶענְט
ווֵייס אִיךְ שׁוֹין אוֹיף גִיךְ
וָואס אוֹיף דֶער וֶועלְט
עֶס עֶרְוַוארְטֶעט מִיךְ
גְלִיק, אָדֶער פְרֵיידִין
אוּנְגְלִיק, אָדֶער לֵיידִין.
אַרְמוּטְה אוּנְד נוֹיט
אָדֶער גָאר אַ יוּנְגֶער טוֹידְט.

(קְלֶענְט דִיא הַאנְד צוּם הֶערְצִין) וָואס זָאגְסְטוּ מַיין הֶערְץ
ווֶעלְכֶעס ווִירְד מִיךְ עֶרְוַוארְטִין?

קיממער אונד שמערץ
אדער גאר א קלומענגארטין ׳
נור א דוא שווייגסט ! (צו לאנג ביידע
אונ האסטיג קלאפסט ׳ הענד)
מיין בלוט אין דיר קיהלט
א סימן : האסט עפים ערפיהלט ·

וואס האסטו ערשפירט
א זאג מיר מיין פריינד
ניט מאך מיך פעראירט
ביזט דאך מיר קיין פיינד
איך זאל שוין זעהן (מאכט מיט ביידע
וואס מיט מיר איז געשעהן הענד)
צו דארף איך נאך לעבין
אדער צום גרוב אפ שוועבין ·

(געהט צו, צו איר שטול האלט זיך אן ביא דער שפארענצע, קוקט צום לינקען טיר דורך וועלכע עס קומען באלד אריין מלכה מיט דוד וועלוועלען אונ נאך זיא יאנקיל מיט א טשאמאדאן) ·

דרייצעהנטער אויפטריט

מלכה · דוד וועלוויל · יאנקיל · אונד דיא פאריגע פערזאן ·

מלכה מיט דוד וועלוולין (קומען גלייך אריין שרייען ביידע אוים) אט געהט ער !

הדסה (בלייבט שטיין וויא פריער מיטין פנים צו דער לינקער טיר, מלכה ביא איר רעכטיר זייט. אונ דוד וועלוויל ביא דער לינקער זייט) ·

יאנקיל (קומט אריין דורך דער לינקער טיר געקליידעט וויא פריער. אויף דעם מאמענט פון זיין אריין קומען בלייבען דיא דריא פאריגע פערזאנען שטיין מיט אוים געשטארטע אויגען אויף אים. הדסה האלט זיך אן מיט איין האנד ביא דער שטול. מלכה שטייט פאר לענט דיא הענד, דוד וועלוויל בייסט זיך דיא נעגעל) ·

יאנקיל

יאנקיל (בלייבט שטיין געבּין דער מיר גיבּט א וואָרף דעם טשאמאדאן
פון האנד, ברעכט דיא הענד, שאקעלט זיך הין אונד הער
שרייט מיט דער שטימע וויא מען בעקלאגט א טוידטין דיא פאלגענדע
ווארטין :) וועה איז מיר! ביטער איז מיר! ...

הדסה (לויפט צו אים צוא :) גוואלד! וואס איז מיט דיר געשעהען?

יאנקיל (מיטין נעמליכען ניגון :) א שלאק האט מיך דער שלאגין
א בּראך האט מיך געטראפין! אז אזא יונג בוימעלע זאל אפּ
געבּראכין ווערין! (וויינט) א א א!

מלכה, וואס רעדסטו?

הדסה (חאפט זיך אן מיט ביידע הענד פארין קאפּ, לויפט צו איר
שטול) א! ער איז געשטארבין! (גיבּט זיך א וואָרף אויף דער
שטול) מיין מאנן! מיין יאזעף! ביזט שוין טוידט! א! אזוי יונג צוא
שטארבין! אזוי גיך דיך פערלירען! איך האלט דאס ניט אויס!
(ברעכט מיט דיא הענד) אוי! עס איז מיר שלעכט! איך שטארב!
(פערווארפט מיט דעם קאפּ וויא זיא פאלט אין אהנמאכט, בלייבט
שטיל, ניט גערירט מיט קיין גליד.

דוד וועלוויל (ווענדעט זיך מיטין פנים געגין פובליקום, רייסט זיך
ביא דיא פאות :) מיין ברודער איז געשטארבין! וועה
איז מיר! אזא גוטער ברודער! (וויינט).

יאנקיל (רייבּט מיט ביידע קולאקעס דיא אויגען, רעוועט אויף
א גראב קול :) אזא גוטער בעל הבית! אזא טהייערער בעל
הבית! א א א! (חליפּעט).

מלכה (קוקט זיך אום צו הדסה:) גוואלד ראטעוועט! דיא מאדאם
חלשט! דוד וועלוויל! ברענג אין דער גיך א גלאז וואסער!
(פּאכט איר מיטין פארטוך).

דוד וועלוויל (גייהענדיג צו דער רעכטער טיר) אזא גוטער ברודער!
האט מיר אזוי ליב געהאט! (אב).

פירצעהנטער אויפטריט

דיא פאריגע אהן דוד וועלוולין.

יאנקיל (ענטפערט באלד נאך דוד וועלוולען) אזא גוטער בעל הבית!
ער איז צו מיר אזוי גוט געוועהן! אוי אוי! (וויינט).

מלכה

מלכה (וועקט הדסהן) מאַראַמעניו. נשמהניו, ערגערט אייך ניט, דאס איז דאך פון גאָטט! אונ אויף אים טאָרען מיר ניט קריגען, ער איז גירעכט, אונ זיין משפט איז גירעכט! (קוקט איר אין פנים) וועה איז מיר! זיא איז גאר טוידט! וואס טהוט מען? (ברעכט דיא הענד. קוקט צו דער רעכטער טיר, דורך וועלכע דוד וועלוויל קומט אַריין מיט אַ גלאָז וואַסער).

פינפצעהנטער אויפטריט

דוד וועלוויל אונד דיא פאָריגע.

מלכה (לויפט צו אים צו, נעהמט בייא אים דיא גלאָז וואַסער, לויפט צוריק צו הדסהן).

דוד וועלוויל (געהט לאַנגזאם איר נאך. וויינט) מיין טהייערער ברודער! פאר וואס ביזטו געשטאָרבען! (שטעלט זיך אין אַ זייט).

יאַנקיל (רעוועט) אַזאַ טהייערער בעל הבית! אַזאַ גוטער בעל הבית! זאָל ער גאר שטאַרבען!

מלכה (שפריצט מיט דער האַנד אויף איר וואַסער שרייט) גאָטט! שטעה מיר צו הילף! לאָז זיא ניט שטאַרבען מיט אַ יונגען טוידט!

הדסה (כאַפט זיך אויף, ברעכט פריער מיט דיא האַנד, רייסט זיך נאָכדעם בייא דיא האָר:) וועה! וועה! מיין אונגליק איז זייער גרויס! גאָטט! נעהם מיך אויך אַוועק!

מלכה (וויינענד) מאַדאַמעניו! טהוט מיר צו ליעב! נעהמט אייך ניט צום לעבען!

הדסה (רייסט זיך ביים קאָפּ, דיא האָר פאַלען צו שויבערט אויף אירע שולטערען, שרייט מיט אַ קוויטש:) וואס טויג מיר שוין דאס לעבען! איך קאָן ניט מער לעבען! דיא וועלט איז שוין ניט מיינע! אַז מיין מאַן, מיין איינציגער פריינד, מיין לעבען, מיין זעעלע איז שוין ניטאָ! אוי! (פערוואַרפט נאָכמאַלס מיטן קאָפּ) וויל איך שוין אויך ניט לעבען!

מלכה (שפריצט אויף איר וואַסער).

הדסה (שטופט איר וועק מיט איין האנד פון זיך) לאז מיך! לאז מיך שטארבין!

מלכה (וויינענד) בעל הביתטעניו נעהמט אייך ניט דאס לעבין אוועק, איר וועט דאך אים שוין ניט לעבענדיג מאכין!

הדסה (שטופט איר וועק פון זיך) ניין ניין! איך קאן ניט דעם בראך אריבער טראגין! אוי! (פערווארפט מיטין קאפ) מיין הערץ איז מיר פארקלעמט! (בלייבט שטיל, דיא אויגען פערמאכט, שוואך בעוועגט).

מלכה (קוקט איר אין פנים) וועה איז מיר! זייא חלשין באלד ווידער! דוד וועלוויל! העלף מיר זייא אין שטוב אריין פירען! (נעמט אירע האנד) גוואלד! זייא גייהען אוים!

דוד וועלוויל לויפט צו, נעהמט הדסהן בייא דער רעכטיר האנד, מלכה, בייא דער לינקער האנד, הדסה שטעלט זיך אויף, דיא אויגען פערמאכט דעם קאפ פערווארפין, ביידע גייהען מיט איר צו דער רעכטיר טיר.

הדסה (גייהענד מיט זייא, עפינט דיא אויגען, שרייט) מיין טהייעריר יאזעף! וויא ביזטו? ווארט אוים! אט געה איך שוין אויך צו דיר (אב אלע דרייא).

זעכצעהנטער אויפטריט

יאנקיל זעלבסט.

יאנקיל (אלס דיא פארינע דרייא פערזאנען זענען געגאנגין צום טיר האט ער זיך געקוועטשט דיא אויגען, און שטיל גערעוועט, נור קוים זענען זייא אב געגאנגין, מארשירט ער איבער דער סצענע הין אונד צוריק איין מאהל, ער קומט אוים נאכדעם אין דער מיט סצענע מיטין פנים צום פובליקום, לאזט ארויס א געלעכטער): חא חא חא! איך קוועל אויש פון זיך אליין! וויא גוט איך האב דא מיט ראליע אפ געשפילט! יעני האט אויש געגלויבט. דיא אנדערי האט געוויינט און דער לעקיש דער דוד וועלוויל האט זיך געהאלטין אין איין רייסען בייא דיא פאות און געדריגען געקרכט זיך אים נאך) אזא טהייעריר ברודער! פאר וואס ביזטו געשטארבין?.... און יאנקיל שטייט דעם קאפ אראפ געלאזין (ווייזט וויא אזוי) און האלט אין איין

רעווען

רעווען (רעוועט) אזא גוטער בעל הבית! אזא טהייערער בעל הבית!
א א א (לאכט) חא חא חא! (קוקט זיך אום צום לינקען טיר) שאן
מיר דוכט אז עס געהט עמעצער אהער! אונ איך וועל אפשר דארפין
באלד אבער שפילען מיין ראליע! (לויפט צום לינקען טיר, שמעלט
זיך נעבין טשאמאדאן, אלס ער זעהט, וויא דיא טיר עפינט זיך
הייבט ער אן וויינען אויף א קול. שמואל זרח קומט דורך איר אריין
געקליידעט וויא אין ערשטין אקט איין האנד אין בוזים האלט ער).

זיבצעהנטער אויפטריט

שמואל זרח אונ דער פאריגער פערזאן.

יאנקיל (אלס ער זעהט אים אריין געזון, וויינט ער נאך העכיר)?

שמואל זרח (קוקט זיך באלד צו אים אום) וואס טהוסטו דא יאנקיל?
יאזעף איז אויך דא? אונ וואס וויינסטו עפיס גאר, הא?

יאנקיל (האלט אראפ געלאזין דעם קאפ, שאקעלט מיט אים, רעדט מיט א שטימע וויא מען געקלאגט א טוידטין) פאר וואס זאל איך ניט וויינען? פאר וואס זאל איך ניט קלאגין? אז אוועק פון באגין בין איך מיט אים, אונ צוריק בין איך אליין געקומען! א א א! (חליפעט).

שמואל זרח. וויא זשע האסטו אים א הין געטהון?

יאנקיל, א כפרה וואלט איך חלעבין געמענט ווערין פריער איידער איך צו ברענגין אזא ויסטע בשורה!

שמואל זרח (צו שפרייט ביידע הענד אין דער הייך, גיבט מיט זיא א פאטש שרייט אויס:) גרויסער גאטט! וואס איז מיט מיין קינד געשעהען?!

יאנקיל (מיט דער פאריגער קלאגענדע שטימע) אזא טהייערער בעל הבית! אזא דימענטענער מענש! זאל אזוי יונג אפ שטארבין! (קרעכצט).

שמואל זרח (האפט אים אן פאר איין האנד) פון וועהמין רעדסטו דאס? (ראזט אים אפ, קוקט אויף אים מיט גרויסע אויגען).

יאנקיל (מיט דער געמליכע שטימע) איך רעד... (וויינט) וויי איז מיר! איך ווינש מיר שטום צו ווערין איידער אזעלכע ווערטיר

באר

פאר אייך ארויס צו לאזין!

שמואל זרח, נוא זאג שוין, לאם איך שוין וויסען פון וועהמין דוא רעדסט!

יאנקיל, וואס זאל איך זאגין, וואס זאל איך רעדין יאזעף איז געשטארבין מיר קענין אים שוין לעבענדיג ניט מאכין!

שמואל זרח (א האפ מיט ביידע הענד פארין קאפ) וואס הער איך? מיין יוספיל איז געשטארבין? מיין קינד?!

יאנקיל (שאקעלט זיך) שטארבין צו שטארבין איז ניט גלייך! ניחא וואלט ער חאטש געשטארבין מיט א נאטירליכען טויט וואלט דער ווייטהוג ניט אזוי גרוים געוועזן. ער איז אבער דער שאסין געווארין, ווייא איז מיר!

שמואל זרח (גיבט זיך א ווארף פון שרעק, קוקט אויף אים ווילד) געשאסין? סטייטש פאר וואס האט מען געהאט צו אזא כשר קינד?

יאנקיל (ווישט זיך אוים דיא אויגען, קרעכצט אפ) אלע דרייא זענען מיר געגאנגין אין וואלד שפאצירען וואס פאר ביאלאסטאק איז, איך, בארים וואלדמאן, אונ יאזעף עליו השלום. האט זיך יאזעפין פארגלוסט צו געהן קוקען וויא דיא יעגיר גייהען אויף פאליוואניע, מיר ביידע האבין אים אפילו אפ געשלאגין, בארים האט געזאגט אז מען דארף אהין ניט געהן אונ איך האב געזאגט אז עס איז א סכנה פאר א פרעמדין מענשין צו געהן אהין, נור אום שטיינס געזאגט דער מלאך המות האט אים שוין גישלעפט צו זיך! האט ער אונז ניט געהערט אונ איז אליין אוועק געגאנגין, איך האב אפילו געוואלט אים נאך געהן עפים וויא דאס הארץ האט מיר געזאגט אז איך זעה שוין דעם לעצטין מאהל דעם בעל הבית מיינעם פאר זיך נור ער דער גוטער מענש, זאל שוין א גוטער מליץ זיין פאר אונז, האט מיר גיענפערט אז וויא באלד איך שרעק מיך זאל איך מיט אים ניט געהן, איז ער ביידע איבער געבליבען אין וואלד, מיר ווארטין א שעה, אונ צווייא, אונ דרייא, ניטא יאזעף! מיר האבין תתילה גירעכינט אפשר זענען זייא שוין אהין אונז אהיים געגאנגין, האט בארים מיך געשיקט א היים, איך האב אבער אין דער היים קיינעם ניט געטראפין, דיא מיר איז געוועזין פערמאכט וויא מיר האבין זיא אין דער פריה געלאזין. האב איך מיך צוריק געקערט צו בארים'ען אונ

דאס

דאס אים דער ציילט, ער האט זיך שטארק דער שראקן, האט זיך געלאזט לויפן אין וואלד און געהייסען אז איך זאל אים נאך לויפען. מיר זענען אויס געלאפן כמעט דעם גאנצן וואלד, ביז מיר זענען ענדליך צו געקומען צו דעם ארט וויא מען שיסט די פייגעל. שטעלט אייך אבער פאר דיא שרעק וואס אונז האט באגעגנט אז מיר האבן יאזעפין דער ווישט ליגען געבין א בוים א דער שאסענים! דאס בלוט האט פון אים זיך געגאסין וויא פון א קוואל, און דער ראק זיינער וועלכן ער האט געטראגין אויף דער האנד איז געלעגין נעבין אים. און ווייטער האבין מיר קיינעם ניט געזעהן, וויא גרויס אונזער ווייטהוג איז געווארין דאס זעהענדיג דארף איך אייך ניט דער ציילין ווארין איר זיינט א טאטי, פיהלט איר דאס אצונד בעסיר וויא מיר האבין געפיהלט. חאטשי איר האט דאס מיט אייערי אויגען ניט געזעהען, מיר האבין זיך נוט אויס געוויינט, דער נאך האבין מיר אים בשתיקה אריין געבראכט אין שטאט אריין און מקבר געוועזין כדי פאליצייא זאלין זיך ניט דער ווישען און אים נאך וועלין פאלמעסין, בארים האט מיר געהייסען פארנעהמין זיינע אלע זאכין פון דעם טוידטען מיט זיין געלד איך האב דאס אלעס אריין געלייגט אין דעם טשאמאדאן (ווייזט מיט איין האנד אויפין טשאמאדאן) און צוריק געבראכט דאס אייער שנור, בארים פאר יסורים האט שוין קיין סחורה ניט איין געהאנדעלט ער האט זיך אום געקערט גלייך מיט מיר, נור הלוואי דער סוף זאל אים נוט זיין, ער איז שרעקליך צו מישט!

שמואל זרח (האלט זיך מיט ביידע העדנ פארין קאפ געהט הין אונד צוריק:) טרוף טורף יוסף! פערצוקט איז געווארין מיין יוספיל וויא א מאהל ביים יעקבין זיין יוסף! נור מיין בראך איז איצט גרעסיר וויא זיינער! ער האט נור געמיינט אז זיין יוסף איז פערצוקט און ביי מיר איז דאס ווירקליך געשעהען! (וויינט) פערוויסט זענען מיינע אלטע יאהרען געווארין! איין זוהן איז ביי מיר פערפאלין געווארין, און אצונד איז דער אנדעריר שוין אויך ניטא מער! (שטעלט זיך אין דער מיט סצענע מיטין פנים צום רעכטין מיר. הייבט דיא העדנ אין דער הויך, קוקט ארויף) הצור! תמים פעלו! כי כל דרכיו משפט! דוא גרויסער שעפער! אויף לויטער משפט בעשטעהען דיינע ווערק, און וואס דוא טהוסט איז חלילה קיין אונרעכט ניטא! ברוך דיין האמת! (ווישט זיך אויס דיא אויגען, ווענדעט זיך

צו יאנקלין :) הדסה ווייסט שוין פון אונגל.ק

יאנקיל (א ראפ געלאזין דעם קאפ) יא, זיא האט שוין געביך צווייא מאהל געחלשט פאר ווייטהונג, מלכה מיט איער זוהן האבין זיא קוים אפ געמינטערט אונ אריין געפירט אין שטוב אריין.

שמואל זרח (געהט צו צום טשאמאדאן, נעמט אים אין דער האנד געהט גאנץ לאנגזאם מיט אים צו דער רעכטיר טיר, לאזט אים פלוצלינג ארויס פון האנד, אונ אליין פאלט ער אויף דעם פאל, בלייבט שטיין אויף דיא קניה נעבין טשאמאדאן, קוקט אויף אים, שאקעלט מיטין קאפ אונ קלאגט :) וועה איז דעם טאטין! איך קוק מיט אזא פאזע אויף דעם טשאמאדאן אצונד, וויא א מאהל יעקוב, אויף דעם צוריסענים העמדיל פון יוספין! איך מוז אויך נאך שרייען זיינע ווערטיר וואס ער האט דאמאלס געשריען! טרוף טורף יוסף! ער איז דער שאסין געוואורין מיין יוספיל! אונ איך וועל מוזין נידערין אין גרוב מיט א גרויסען בראך אויף מיין עלטער! א בראך, וואס קען זיך גאר קיין מאהל ניט פערהיילען ביא מיר! (בייגט אראפ דעם קאפ צום טשאמאדאן) מיין קינד, מיין קינד! בעסיר וואלט איך געשטארבין פאר דיר! (לאזט ארויס א גרויסען קרעכץ).

דער פארהאנג לאזט זיך שנעלל העראב.

דריטער אקט

(ביא דיזען אקט שפילען אלע פערזאנען זייערי ראליען אויסער בארישען, יאנקלען אונד מלכהן):

(דער ערשטער האלב פון דעם אקט געשיהעט ביא שמואל זרחין אין הויז, אונ דער צווייטער איז ביאלאסטאקער שפיטאל.

(דיא צייט פון דעם אקט איז; פאר מיטטאגס שטונדע):

סצענע

(א קליין שטיבעל, א גלאזונע טיר צום פובליקום, רעכטס א זייטין טיר, א מישול געגין פובליקום, אונ ביא ביידע זייטין צווייא שטולען, דוד וועלוויל קומט אריין דורכין זייטין טיר געקליידעט אין

גרויסען ארבע כנפות, הויזען אין די שטיוועל, מיט א סאטענטענעם קארטוז).

ערשטער אויפטריט

דוד וועלוויל זעלבסט.

דוד וועלוויל (שפאצירט איין מאהל איבער דער סצענע הין אונד הער, די הענד האלט ער פון אינטען שטעלט זיך נאכדעם ביים טישעל, מיטין פנים צום פובליקום די הענד האלט ער אינטער זיך, הייבט מיט די אקסלען, רעדט צו זיך:) וואס קען דאס זיין הא? זינט מיין ברודער איז געשטארבען איז די מומע צו מיר אזוי גוט געווארען אזש סכנות! זי גיט מיר עסען אונ טרינקען צו נארטעלטיר הייט, גיט מיר א גוט געלעגער מיט צוויא קישענס אזש! גלעט מיר שטענדיג. לאזט מיר אזש פון שטוב ניט ארויס פאר ליבשאפט! פרעגט מיך אפשר צעהן מאהל אין טאג; "דוד וועלווילע, ווילסט שוין עסין? דוד וועלווילע, גיבען דיר עסין?".. איך וויים גאר ניט פאר וואס דאס איז? (פויזע, נעהמט ארויס איין האנד פון אינטער זיך מיט א ציצי) אפשר האט זיא זיך שוין דערשראקען גאר פאר דעם טויט? ווייל זיא האט געזעהען וויא מיין ברודער וואס איז געוועזען מיט א סך יאהרין יונגער פון איהר איז ער געשטארבען, אונ זיא איז עלטער קען זיא דאך אוודאי שטארבען!.. וויל זיא אפשר פרום ווערין כדי זיא זאל לעבין בלייבין? (פויזע) איז דאך אבער א קשיא, פאר וואס געדהט זיא קיין מאהל ניט געוואר ווערין צו הדסהן חאטש איר טרייסטין אביסעל? אונ אפילו מיך לאזט זיא אויך ניט געהן? הא? וואס זאל דאס שוין הייסען? (פויזע נעמט ארויס די צווייטע האנד זאגט מיט א בייזער) נור וואס דארף איך דא קלערין? סע מיין געשעפט? מיין עסק; אבי איך וויים אז איך בין קיין מאהל ניט הונגעריג איז שוין גוט! עסין האב איך? טרינקען האב איך? א קישען אויף דער זייט אויך? נוא וואס נאך דארף איך הא? (פראדיל קומט אריין פון גלאווני טיר געקליידעט וויא א יודעשי מאדאם מיט א פארוק אויף דעם קאפ):

צווייטער אויפטריט

פראדיל אונד דער פאריגער פערזאן .

פראדיל (לאזט זיך צו געהן צוא אים) דוד וועלוויעלע ! אפשר ביזטו הונגעריג ;

דוד וועלוויל (קערט זיך האלב וועק פון איר מאכט מיט ביידע הענד) א ווייטער עסן , אונ נאך אמאהל עסן ! איך האב דאך ערשט אפ גיגעסן, וויא זשי לעגט מען שוין אזוי גיך ווידער ?

פראדיל (מיט א שמייכיל) ווייס איך ? איך האב געמיינט אפשר חלשט דיר שוין דאס הערצעלי !

דוד וועלוויל (שטעלט זיך געגין איר . דיא הענד פאר באקום :) זאגט מיר נור מומע, פאר וואס האט איר מיר איצטער אזוי ליעב בעקומען ?

פראדיל (מיט א שמייכיל) הא ! נאריש קינד מיינס ! וועהמען דען שוין האב איך צו ליעבען אז ניט דיר ? איך האב גאר קיין קינדער ניט, דיין טאטי האט מער ניט וויא דיך אליין , וועסטו דאך זיין דער קדיש אונזעריר דער פאר האב איך דיך אזוי ליעב ! (קישט אים אין קאפ) מיינע ביינער זאלסטו נור איבער לעבין רבונו של עולם ! (נעהמט אים אן ביי א איין האנד שטעלט זיך מיטו אים לינקס האלב זייטיג צום פובליקום) הערסטו מיין קינד , אפשר שיקט דיך דער טאטי אז דוא זאלסט געהן געוואויר ווערין צו דיין שוועגערין זאלסטו ניט געהן !

דוד וועלוויל . פאר וואס זאל איך ניט געהן ?

פראדיל . נארילע , אז דוא וועסט צו איר געהן וועט זיא דיך איבער רעדין אז דוא זאלסט איר געבין חליצה אהן א קאפיקע געלד !

דוד וועלוויל . נוא איך וועל טאקי געבין חליצה אהן געלד , אלימייא הט זיא מיר גיגעבין אהן געלד עסן ווען איך האב געוואלט ?

פראדיל (מיט פערדראס) ביזט א נאר , דאס האט זיא דיר גיגעבין ביז וואנען דיין ברודער האט געלעבט , ווארין ער האט דאס איר געהייסען , אצונד אבער וועט זיא דיר אויף אירע אויגען ניט לאזין אפילו. ווארין דוא קערסט זיך שוין מיט איר גאר ניט אן , דרום דארפסטו זעהן ארויס צו ראטעווען דיין ברודערס פארמעגען פון איר . ווארין איידער א פרעמדר זאל אים ירשינען איז דאך גלייכער א אייגעניר

ברודער

ברודער! פארשטייסט?

דוד וועלוויל, ביא וואס זשי וועט זיא בלייבען!

פראדיל (מיט א בייזער) וואס האסטו איר צו פערזארגען? זיא איז א שוועסטער דיינע וואס? אט זארג בעסיר פאר זיך! דוא ווייסט אז דוא בעקומסט דעם נאמין חלוץ?...

דוד וועלוויל (לאכט) נוא וועט מען מיך רופען דוד וועלווילע חלוץ!..

פראדיל. יא דוא לאכסט, אז אך און וועה מיינע שונאים איז דיין גילעכטיר! ווער וועט דיך שוין נאכדעם וועלין נעהמין? אז דוא וועסט זיין א ארימער חלוץ? דער טאטי קען דיר אצונד קיין געלד ניט געבין, ווארין ער האט אליין ניט. און א האפענונג אויף שפעטיר ער זאל דיר געבין, קענסטו אויך ניט האבין, ווארין דער פאדרואל וואס ער האט. איז ער מעריר אויף אים שולדיג וויא ער טרעפט אן, קענסטו זיך חלילה פערזיצען א בחור! אבער אז דוא וועסט מיך פאלגין, וויא איך לערין דיך, וועסט זיך איין שפארין אז דוא ווילסט איר ניט געבין קיין חליצה ביז זיא וועט דיר אוועק געבין דיא טויזענד קערבליך וואס יאנקיל האט געבראכט פון דעם וועג, און איר גאנץ צירונג וואס יוסף האט איר געשיקט צו דער חתונה וועסטו דאס מיר געבין צו בעהאלטין, וועל איך דיר גאנץ שיין אויס קליידין און פאר דיר נאך זיכען א שיינעם שידוך וואס זאל אונז אלעמין אן שטיין, וועסט געהמין א שיינע כלה. מיט א פאר טויזענד קערבליך נדן וועסט ווערין א פארטיגער עושר! נוא פאלגסטו מיך דוד וועלווילע?

דוד וועלוויל (האלט אראפ געלאזין דיא אויגען, שפילט זיך מיט א ציצע) איך האב אבער מורא טאמיר וועט זיא מיר ניט וועלין געבין?

פראדיל. דער פאר זארג דיך ניט, זאל דאס זיין דיין לעצטי דאגה, זיא וועט קיין אנדער ברירה ניט האבין, זיא וועט דיר מוזין אפ געבין אלס דינג וואס דוא וועסט פון איר פאדערין! ערשטענס, האט זיא שטארק געליבט איר מאנן וועט זיא אים אצונד ניט לאזין ליגען מיטין פנים אראפ אין קבר, און צווייטענס: איז זיא דאך נאך יונג וועט זיא דאך וועלין חתונה האבין, מוז זיא דאך פריער ביא דיר חליצה נעהמין, פערשטייסטו שוין?

דוד וועלוויל (שאקילט מיטין קאפ, אראפ געלאזין דיא אויגען:) יא יא איך פארשטעה שוין!

פראדיל

פְּרַאדִיל. אָבֶער פָאלְגְסְטוּ מִיךְ, פְרֶעג אִיךְ?

דָוִד וֶועלְוִויל (מִיט דֶער פָארִיגֶער פָּאזֶע) אִיךְ פָאלְג, אִיךְ פָאלְג!

פְּרַאדִיל (גְלֶעט אִים פַארִין קָאפּ) אַז דוּא וֶועסְט מִיךְ פָאלְגִין מַיין קִינְד אוּנ מְהוּן וִויא אִיךְ לֶערִין דִיךְ וֶועסְטוּ מִיר שְׁפֶּעטִיר דַאנְקִין! וֶועסְט זָאגִין: אָט וָואס פַאר טְרַייע מוּטֶע אִיךְ הָאבּ! צֶעהְן מָאהְל טְרַייֶער וִויא אַיין אַייגֶענִי מוּטֶער! מָאלְט דֶער, הָאסְט דָאךְ אַ טַאטִין בִּיז הוּנְדֶערְט אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהְר, נִיחַייא וָואלְט עֶר דָאס פַאר גִינֶעבִּין דִיר פְרִיעֶר? נַיין! עֶר הָאט דִיךְ אַפִּילוּ גָאר נִיט אִין זִינֶען, פוּן זַיינֶעט וֶועגִין מֶעגְסְטוּ פַאר זִיצֶען אַ בָּחוּר, הַארְט אִים אוֹיךְ גָאר וֶועניג, אִיךְ אָבֶער, וַויסְט אַיין גָאטְט דֶעם אֶמֶת אַז אִיךְ בִּין טְרַייא מִיט מַיין גַאנְצִין לֶעבִּין, אִיךְ וִויל דִיךְ דֶערְלֶעבִּין צוּ זֶעהְן מִיט אַ וַוייבּ זִיצֶען אוּנ פוּן דִיר זֶעהְן אַ גַאנְצִין דוֹר! פוּן וֶועהְמִין דֶען קֶען אִיךְ דָאס דֶער לֶעבִּין אַז נִיט פוּן דִיר? אַז מִיךְ הָט גָאט גֶעשְׁטְרָאפְט אִיךְ זָאל זַיין אַ בֶּעזְדֶיעטְנִיצֶע! (ווִישְׁט זִיךְ דִיא אוֹיגֶען, קוּקְט אַרוֹיף) נוּר אַדַאנְק דִיר גָאטְטֶענְיוּ דֶער פַאר! מִסְתָּמָא בִּין אִיךְ מֶער נִיט וֶוערְטְה! אִיךְ זָאל חָאטְשׁ פוּן אִים (קוּקְט צוּ דָוִד וֶועלְוְוִלִין) דֶער לֶעבִּין אַ שְׁטִיקֶעלִי נַחַת. (זִיפְצְט).

דָוִד וֶועלְוִויל (הַאלְט אִירֶע הַאנְד) שַׁאט מִימֶענְיוּ ווַיינְט נִיט, אִיךְ זָאג אַיךְ צוּ אַז אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁטֶענְדִיג פָאלְגִין קָאם אִיךְ אַזוֹי לֶעבִּין!

פְּרַאדִיל. יָא יָא מַיין קִינְד אַזוֹי מַיין אִיךְ. נוּר גֶעדֶענְק זָאלְסְט פַאר קֵיינֶעם זִיךְ נִיט אוֹיס רֶעדִין אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ אָן גִירֶעדְט אַז דוּא זָאלְסְט בַּייא הַדַסָהן גֶעלְד פָאדֶערְן פַאר חֲלִיצָה גֶעבִּין! (לָאזְט זִיךְ גֶעהְן צוּם זַייטִין מִיר).

דָוִד וֶועלְוִויל. נֵיין נֵיין אִיךְ וֶועל נִיט אוֹיס זָאגִין!

פְּרַאדִיל (אַבּ).

דְרִיטֶער אוֹיפְטְרִיט

דָוִד וֶועלְוִויל זֶעלְבְּסְט.

דָוִד וֶועלְוִויל (אַלְם פְּרַאדִיל אִיז אַבּ גֶעגַאנְגִין שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ נֶעבִּין טִישׁ, מִיטִין גֶעזִיכְט צוּם פּוּבְּלִיקוּם, דִיא הֶענְד אִינְטֶער זִיךְ, שְׁמַייכֶעלְט): אִיךְ וֶועל שׁוֹין אוֹיךְ הָאבִּין גֶעלְדְט! יָא יָא, מַאקִי

אסאך

אזאך געלדט! טויזענד קערבליך מיט אפשר פאר 200 קערבליך צירונג! אלע חברים וועלן מיך פרעגן: "דוד וועלוועלע! ווי קומט צו דיר אזוי פיל געלד?„ וואס האט צו אייך? וועל איך ענטפערן, עס איז אייער עסק? (טרייבט מיט איין האנד אוועק) איר זענט שוין ניט מיין גלייכען! (פויזע, האלט זיך מיט איין האנד אונטער די מארדע:) שטייא מע דארף דער ווייל בעקלערען וואס איך זאל טהון שפעטיר מיט אזוי פיל געלדט, וויפיל האב איך? יא, טויזענד מיט צוויא הונדערט קערבליך און צוויא טויזענד קערבליך זאגט די מומע אז מען וועט מיר געבין נדן, וועל איך אזוי טהון. איך וועל חתונה האבין מיט א שיינע כלה, אבער ביים טאטין וועל איך מער ניט זיין וואס טויג דאס מיר? די מומע פארטעלט מיר די ביינער פאר א שטיקעל ברויט אז איך נעהם, אצונדערט גיט זיא מיר אפילו! יא גענוג עסין, איך ווייס אבער ניט אויב זיא וועט שוין טאקי אויף תמיד צו מיר גוט זיין, איך וועל מיך בעסיר באזעצין ביא מיין שווער (טראכט) נור אפשר האט ער אויך א שלעכט ווייב? און אפשר קען זיא נאך שלאגין אויך? אוי פאר שלאגין האב איך טאקי שטארק מורא! ניין! איך וועל מיך בעסיר באזעצין אין א בעזונדער שטוב, יא יא אזוי בלייבט דאס, איך וועל מיר זיין אליין א בעל הביתיל, (פויזע) אצונד וואס טהוט מען אבער מיט אזוי פיל געלד? אט איז א קשיא! (שאקעלט זיך) כדומה, למשל אשטעגיר, איך זאל ווערין א סוחר פון געוואנט בין איך דאך אבער ניט גענית אין דעם מסחר, דארף איך שוין צו געהמין צו זיך א שותף וואס ער זאל אין דעם זיין גענית, וועל איך דארטין מיט אים פארין קיין ביאלאסטאק נאך סחורה, וואס זשע וועל איך אבער טהון אז איך וועל אויך שטארבין אויפין וועג אזוי וויא מיין ברודער יוסף?... שלעכט! דער מסחר טויג פאר מיר ניט! (טראכט) זאל איך אויך מיר מאכין אזא פאדוואל פון בראנפין אזוי וויא מיין טאטי האט, דאס וואלט שוין אפילו פאר מיר געווען א גוט געשעפט, אויף בראנפין בין איך דאך פון קליין ווייס אן א מבין, איך נעהם אים נור צו די ליפפען, זעה איך, וויא באלד אז איך פער הוסט מיר ביים ערשטין זופ ווייס איך אז דער בראנפין איז גוט, קוים ניט טויג ער אויף כפרות! וועל איך שוין קיין שותף ניט דארפין האבין, און ערגין אנדערש פארין וועל איך אויך ניט דארפין. וואָרין דער בראנפין קומט אליין צו פארין, איז שוין דוכט זיך גוט הא? (טראכט) גיין דער ביא איז אויך פעראן

א חסרון

א חסרון, אבער טאקי א גרויסער!... אשטעניר למשל אז איך וועל קויפען עטליכע צעהנדלינג פעסיר מיט בראנפין וועט מען זייא דארפין אויף שטריק אראפ לאזין צו מיר אין פאדוואל, וואס זשי וועל איך מהון אז דיא שטריק וועלין זיך גאר בעת מעשה איבער רייסין, אונ דיא פעסיר וועלין צו בראכין ווערין? בין איך דאך אויס געשטעלט מיט דיא ביינער! פאלאזשים בייא מיין טאטין האט דאס נאך קיין מאהל ניט געטראפין, אבער בייא מיר וויים איך אז עס וועט יא טרעפין, ווארין איך בין א אונגליקליכער פון תמיד אז וועז איך שפיל אין דריידיל מיט דיא קינדער, פאלט בייא מיר שטענדיג נור: "נון, אונ "שין, אונ וועז איך שטעל אויף עפים א נומער פאר שפיל איך! (טראכט) א איך האב שוין א גוט געשעפט! (גערמט אראפ דיא האנד פון מארדע) איך וועל מיר קויפען א הויז, יא יא דאס איז טאקי דאס בעסטי געשעפט פאר מיר, מען קען דאס קיין מאהל ניט א וועק גנבינען בייא מיר, ניט צו ברעכין קיין מאהל, אונ געלד וועל איך פון דעם שטענדיג צאפין, וויא מיין טאטי צאפט פון קראנט בראנפין, אונ וועלכער שכן עס וועט מיר ניט געבין קיין געלד, וועל איך זאגין: ארויס וואן! דוד וועלוווילע האלט ניט אומזיסט קיין שכנים! (מאכט מיט איין האנד וויא ער טרייבט יעמאנדין) גייז גיין! בייא מיר זיצט מען ניט אהן געלד! וועל איך שרייען, וואן געהט! (פראדיל קומט אריין דורכין זייטין מיר געקליידעט וויא פריער).

פירטער אויפטריט

פראדיל אונד דער פאריגער

פראדיל (געהט צו אים צוא) וואס האסטו עפים געשריגען אזוי שטארק דוד וועלווילע? איך האב אזש אין צווייטין שטוב געהערט דיין קול, עפים האסטו געשריגען וואן געהט. צו ווערמין איז דאס הא?

דוד וועלוויל (פאר שעמט) גיין גיין איך האב ניט געשריגען, זאל איך אזוי לעבין.

פראדיל, שעמען מעגסטו זיך חלעבין, א מומע ווילסטו נארין? מעגמען דאס?

דוד וועלוויל, גיין גיין איך וויל אייך ניט נארין, איך האב פארגעסין, איך האב טאקי געריגען, עס האט זיך מיר אויס געוויזען אז איך שלאף אונ האלט אין האנד דאן גאנצע געלד וואס

הדסה

הדסה האט מיר גיגעבין, פליצלונג קומט איינער אונ בעט מיר אז איך זאל דאס אים אוועק געבין, האב איך דאס צו אים געשריגען וואן געהט !....

פראדיל (מיט א שמייכיל) נישט קשה שרעק דיך ניט מיין קינד, ביין געלד וועט קיינער ניט צו נעהמין, וואריין איך וועל דאס האבין ביי זיך. (הדסה קומט אריין דורכין גלאוונים טיר, געקליידעט אין טרויער מיט א שווארצין שאל).

פינפטער אויפטריט

הדסה אונ דיא פאריגע.

הדסה (אלס זיא קומט אריין קוקט זיא זיך אום רעכטס, נאכהער לינקס וויא דיא צווייא פערזאנען שטייהען, איר ערשטיר בליק פאלט אויף דוד וועלוולין, זיא לאזט זיך צו אים צו געהן).

פראדיל (אלס זיא ערזעהט הדסהן אריין קומען, רוקט זיא זיך פון אים אפ, אונ אלס זיא ערזעהט זיא צו אים צו געהן, געהט זיא צו צום טיש נעמט א שטול, שטעלט דאס אין דער זייט פון רעכטס, זעצט זיך דרויף).

דוד וועלוויל (אלס ער זעהט הדסהן נעבין זיך, ווארפט ער א ברוגז דיגען בליק אויף איר, נאך העד לאזט ער אראפ דיא נאז, שפילט זיך מיט א ציצע).

הדסה (שטעלט זיך אויף דער זייט געגין אים, שאקעלט מיטין קאפ, רעדט מיט איין שוואכין טאן :) אפילו דוד וועלוויל האט שוין פארגעסין אין דער אונגליקליכער הדסהן ! (זיפצט).

דוד וועלוויל (אין דער פאריגער פאזע) וואס זשע קען איך אייך העלפין ?

הדסה (קוקט אויף אים מיט א שמערצפאללען בליק) שטיטש, שוין דרייא חדשים זינד דער אונגליק האט מיך געטראפין אונ דוא ביזט ניט איין מאהל געקומען געוואר ווערין צו מיר ! איך פערגיס טייבין טרערין אין מיין איינזאמקייט אויף מיין טהייערין מאן אונ דוא א אייגעניר ברודער זיינער האסטו ניט געוואלט דיא גאנצע צייט צו מיר קומען חאטש א פאר טרערין בייא מיר פערגיסען ?

דוד וועלוויל, מחמת אז איך וועל שוין ג.ייגען וועט איך אים רען לעבעדיג מאכין ?

הדסה, איך ווייס אז ניין, אבער דאס פאדערט דער סאוועסט, ער אז ער האט געלעבט איז ער דיר געווען טרייא מיט זיין גאנצין לעבין האסטו אליין געזעהען. דארפסטו אים טרייא זיין נאך זיין טוידט!

דוד וועלוויל, נוא נוא איך וועל שוין אמאהל קומען צו אייך ווייגען....

הדסה, ניט דער מיט מיין איך וועסטו ארוים ווייזען אז דוא ביזט אים טרייא! אז דוא וועסט מיר באלד געבין חליצה כדי ער זאל ניט דארפין ליגען מיט דעם פנים אראפ אין קבר לויט דיא מוסר ספרים שרייבען אט דאס וועט פון דיר היסין א טריישאפט צו אים!

דוד וועלוויל (קוקט אויף איר האלב קאמיש) וואס זשי וועט איר מיר דער פאר גיבען?

הדסה (טרעט אפ א שפאן צוריק, שרייט אוים צו שראקין) דוד וועלוויל! דוא זאלסט אזא זאך פרעגין בייא מיר?

דוד וועלוויל (מיט שטאלץ) פאר וואס דען ניט? איך וויל אייך האבין געלדט;

הדסה (נאך א קורצע פויזע, קוקט אויף אים) ווער האט דאס דיר אן גירעדט אז דוא זאלסט בייא מיר פאדערין פאר חליצה געבין געלדט?

דוד וועלוויל, דיא מומע....

פראדיל (לויפט האסטיג צו אים צוא, ווינקט צו אים מיט דיא אויגען, פערבייסט מיט דיא ליפפען) ווער? וואס? ווען? וועלכע מומע? וואסערע מומע; איך האב דיר אן גירעדט? איך;.. דוא אליגנער!

דוד וועלוויל (צו שראקין) ניין, ניין, ניין! דאס האט מיר קיינער ניט אן גירעט איך אליין, זאל איך אזוי לעבין!

פראדיל (געהט צוריק אויף איר ארט).

הדסה (ווענדעט זיך צו איר אלם יענע געהט צו איר ארט) א! וואס פאר א בייז האב איך אייך געטהון? וואס האט איר צו מיר פאר וואס קומט דאס מיך צו ראבעווען? נאך וועניג בין איך שוין אונגליקליך?

דוד וועלוויל (שטעלט זיך געגין איר, האלט איר בייא איין האנד) ניין ניין שוועגערין, זיא איז גאר ניט שולדיג זאל איך אזוי לעבין, איך האב מיר אליין אזוי אן גירעדט!

הדסה (רייסט אויס אירע האנד) אזוי בעצאהלסטו מיר פאר מיינע מוטערליכע ליעבע. וואס איך האב דיר געוויזען? פאר דעם גוטס וואס איך האב מיט דיר געטהון? איך האב דיר גיגעבין עסין, גיגעבין געלד, האב דיך אימטער בעדיערט וויא איין אייגען קינד מיינס, זאלסטו אצונד ביא מיר פאדערין געלד פאר חליצה געבין בשעת איך בין געבליבען אזוי עלענד און אזוי דערשלאגין?

דוד וועלוויל (שטעלט זיך נעבין טיש מיטין געזיכט צום רעכטין זייט וויא פראדיל זיצט און וויא הדסה שטייט).

הדסה (אלס ער שטעלט זיך נעבין טיש דרעהט זיא זיך אויס צו איהם מיטין פנים).

דוד וועלוויל (דרעהט מיטין קאפ) א ווא; א מהייערי מציאה! האט מיר א מאהל גיגעבין עסין! אז איר וועט אמאהל צו מיר קומען הונגעריג, וועל איך אייך אויך געבין עסין!..

הדסה (קוקט צו איהם מיט פעראכטונג) א דוא גראביר נארר! ניט דער לעבין זאלין מיינע שונאים אז דוא זאלסט מיר דארפין געבין עסין! נא דיר צווייא הונדערט רובל און קום געב מיר חליצה! (ווארפט אראפ דעם שאל פון קאפ אויף דיא שולטערין, בלייבט שטיין אין א זיידין שווארץ טיכעל).

דוד וועלוויל (אין דער פאריגער איראנישער פאזע) א ווא! אזש צווייא הונדערט קערבליך!

הדסה (מיט שמערצין) וויפיל זשע דען זאל איך דיר געבין דוא הארטער מענש! נא דיר נאך הונדערט. און לאז נעהמין א נעק!

דוד וועלוויל (קוקט אויף פראדלין).

פראדיל (ווינקט צו איהם פון ווייטין מיט דיא אויגען אויף "ניין", טופעט שטיל מיטין פוס).

דוד וועלוויל (צו הדסהן) ניין ניין! נור דיא גאנצע טויזענד קערבליך וואס יאנקיל האט אייך צוריק געבראכט פון וועזאלט איר....

הדסה (פערהאפט) א דוד וועלוויל! איך וויים אז ניט דיין אייגענער שכל, נור נור שלעכטע מענשין, אומזיסטיגע שונאים מיינע האבין דיך אן גירעדט אז דוא זאלסט מיך בערויבען! (ווענדעט זיך צו פראדלין) א ערבארעמט אייך אויף איין אונגליקליכע אונד עלענדע פרוי!...

פראדיל

פראדיל (שטייט אויף פון ארט שפאצירט געבין איר שטול הין
אונד צוריק)

דוד װעלװיל (שפרינגט איר אונטער א געגין) זאל איך אזוי לעבין
שוועגערין אז קיינער האט מיך ניט אויס געלערינט!
איך האב אליין אויך שכל! מיינט ניט אין אמתין אז דריבער וואס
איך שפיל מיך מיט דיא קינדער אין בלינדזיגקייט בין איך נאך אויך
א קינד! איך האב שוין טאקי שכל וויא א גרויסער! איך וויל חתונה
האבין אונ זיך קויפען א הויז פערשטייט איר מיך!

הדסה, א דוד װעלװיל! איך דער קען פארט פון דיינע רייד אז
מען האט דיך אן גישטעלט! א ניט פאלג דיא שונאים
יונגעס קינד? גיט לערין זיך פון יוגענד אן שלעכטעס צו טהון! ניט
דויב פון איין אונגליקליכע דיא לעצטי נשמה אוועק! נעהם דיר האלב
פון דעם געלד, אונ האלב לאז מיר חאטש בלייבען! איך וועל מיר
מאכין א קרעמעל איך זאל מיר האבין פון וואנען צו ערנערען זיך!
איך בין דאך א ווייסטע יתומה! צו וועמען קען איך מיך ווענדין אום
הילפע? בארעבין זאם דוד װעלװיל, אונ האב רחמנות! (ווײנט,
ווישט זיך דיא אויגען).

דוד װעלװיל (שטייהענדיג געגין איר, לאזט אראפ דעם קאפ,
שווייגט).

פראדיל (געהט שטיל אונטער, אונטער אים, הדסה זאל ניט
זעהן, גיבט אים א שלעפ ביים ארבע כנפות, געהט באלד
צוריק אויף איר ארט זעצט זיך).

דוד װעלװיל (מאכט געגין הדסהן מיט איין האנד) עס וועט אייך ניט
העלפין שוועגערין קיין וויינען אונ קיין קלאגין, אז איר
וועט מיר ניט אוועק געבין אייערי טויזענד קערבליך מיט אייער גאנצין
צירונג וועל איך אייך ניט געבין קיין חליצה!

הדסה (גיבט זיך א חאפ ביים קאפ) גאמט וואס הער איך? אונ דאס
צירונג ווילסטו בייא מיר אויך אוועק געהמין? א פינסטער
איז מיר אונ ביטטער! (וויינענד) פאר וואס קומט דאס מיר אזוי אפ
צו ראבעווען? איך האב דאך גיגעבין צו מיין חתונה יוספין 500 רובל
מזומן אונ פאר 200 רובל צירונג וואס עס איז מיר געבליבען פון מיין
מאמין אונ אים האט דיין פאטיר מער ניט גיגעבין וויא 600 רובל געלד
געהם דיר צו זיין געלד, אבער מיינס נעהם חאטש ניט! וואס האסטו
צו מיר?

דוד וועלוויל (לאזט אראפ דעם קאפ, בייסט זיך די נעגעל, שווייגט).

פראדיל (שטייט אויף פון ארט, געהט אונטער, אונטער אים בגניבה, גיבט אים א שלעפ פון אינטין ביים ארבע כנפות' געהט באלד צוריק זעצט זיך).

דוד וועלוויל (צו הדסהן, מאכט מיט ביידע הענד און מיטין קאפ) איך ווייס ניט קיין גליקען! דאס איז איין מאהל פאר אלע מאהל! איר קענט מיר געבין די טויזענד קערבליך מיט אייער צירונג איז גוט! און אז ניט דארף מען ניט! (געהט צו צום לינקען זייט, זעצט זיך אויף א שטול וועלכע שטייט נעבין טיש).

הדסה (גייהענדיג צו אים, שפרייט אוים אין דער הויך די ביידע הענד שרייט) א יאזעף יאזעף! ערוואך זיך פון דיין לאנגען שלאף. שטעה אויף פון דיין קבר און זעה וויא טיראניש דיין ברודער בעהאנדעלט דיין הדסהן! (פאלט אויף די קניהען ניט ווייט פון אים, שפרייט צו אים אוים די הענד) א האב רחמנות דוד וועלוויל! ווען דוא ווילסט מיך שוין יא אפ ראבעוועז זא נעהם דיר צו פריער מיין לעבין! נא דיר מיין הארץ, נעהם א מעסיר און שטעך דעם אריין! און זאל נעהמין א נעק מיין אונגליקליך לעבין! (וויינט, שמואל זרח געקליידעט וויא אין די ערשטי צווייא אקטין קומט אריין דורכין זייטין טיר, און דער זעהט באלד די קניהענדע הדסהן).

זעכסטער אויפטריט

שמואל זרח אונד די פאריגע.

שמואל זרח (לויפט צו צו הדסהן) וואס זאל דאס בעדייטען הא?

הדסה (שטייט אויף) א רעטעט מיך שוועה! ווארין איך בלייב די אונגליקליכסטע אויף דער וועלט! אייער זוהן וויל מיך אפ רייסען פון קאפ ביז פים פאר חליצה געבין! האט רחמנות א גוטער מענש רעטעט מיך פון אים!

שמואל זרח (צו דוד וועלוולין, געהט צו אים צוא) דוא זאלסט בייא איר ניט נעהמין וואס א גראשין האט די ווערטה דוא הערסט וואס איך זאג? און שוין געה און געב איר חליצה!

דוד וועלוויל (שטעלט זיך אויף הייבט מיט די אקסלען) איך וועל איר ניט געבין! (זעצט זיך).

שְׁמוּאֵל זֶרַח (מִיט כַּעַס) דוּא הוּנְד אֵיינֶער! אַ מַאטִין וֶועסְטוּ נִיט פָאלְגֶען? (הֵייבְּט אוֹיף דִיא הַאנְד אִים צוּ שְׁלָאגִין):

פְרַאדִיל (לוֹיפְט שְׁנֶעלְל אוּנְטֶער. שְׁטֶעלְט זִיךְ אִין דֶער מִיט צְוִוישֶׁען פָאטִיר אוּנְד זוּהְן, מִיטִין פָּנִים צוּם מַאנְן. הַאלְט אִים צוּ דִיא הַאנְד, שְׁרַייט אוֹיס:) אִיךְ וֶועל אִים נִיט לָאזִין שְׁלָאגִין! דָאס קִינְד הָאט רֶעכְט! עֶר בְּלַייבְּט אַ חָלוּץ, וֶוער וֶועט אִים נָאכְדֶעם נֶעהְמִין שׁוֹין אָהְן גֶעלְד?

הֲדַסָה (שְׁטֵייט נֶעבִּין טִישׁ גֶעגִין פּוּבְּלִיקוּם, הֵייבְּט דִיא אוֹיגֶען אַרוֹיף, דִיא הֶענְד אִין דֶער הוֹיךְ:) גְרוֹיסֶער גָאטְט! מַיינֶע שׂוֹנְאִים שְׁטַארְקֶען זִיךְ זַייעֶר אוֹיף מִיר, אָ הָאבּ רַחֲמָנוּת גִיבּ מִיר שׁוֹין דֶעם טוֹידְט! (לָאזְט אַ רַאפּ דֶעם קָאפּ מִיט דִיא הֶענְד).

שְׁמוּאֵל זֶרַח (שְׁטוּפְּט אַוֶּועק פְרַאדְלִין. רַייסְט דָוִד וֶועלְוְולִין פַאר אֵיין הַאנְד) דוּא זָאלְסְט פָאלְגֶען אַ מַאדְטִין הֵיים אִיךְ! (הֵייבְּט אוֹיף נָאכְמַאלְם דִיא הַאנְד צוּ שְׁלָאגִין) וָוארִין אִיךְ מַאךְ פוּן דִיר אַ הוֹרֵג דָא אוֹיף דֶעם אָרְט!

דָוִד וֶועלְוְוִיל (לָאזְט אַרָאפּ דֶעם קָאפּ (שְׁוַוייגְט).

פְרַאדִיל (שְׁטֶעלְט זִיךְ נָאכְמַאלְם אִין דֶער מִיט, מִיטִין פָּנִים צוּ דָוִד וֶועלְוְולִין, זָאגְט צוּ אִים:) הֶער אִים נִיט דָוִד וֶועלְוְוִילֶע, הָאבּ קֵיין מוֹרָא נִיט, עֶר וֶועט דִיךְ נִיט שְׁלָאגִין! (מִיטִין פָּנִים צוּם מַאנְן) אוּנ דִיר זָאג אִיךְ אַז דוּא זָאלְסְט זִיךְ נִיט מִישֶׁען אִין דֶער חֲלִיצָה! הֶערְסְטוּ שְׁמוּאֵל זֶרַח? גֶעדֶענְק, זָאג אִיךְ דִיר, עֶר וֶוערְט אַ חָלוּץ אוּנ דוּרְךְ דִיר וֶועט עֶר בְּלַייבֶּען אַ בָּחוּר בִּיז אִין טוֹידְט! נִיט פַאר גֶעם אַז מֶער קֵיין קִינְדֶער אַ חוּץ אִים הָאסְטוּ שׁוֹין נִיט. אוּנ דוּא וֶועסְט מֶער נִיט הָאבִּין. אוּנ צוּם סוֹף ווִילְסְטוּ דֶעם אֵיינֶעם גָאר לֶעבֶּעדִיגֶער הֵייט בֶּעגְרָאבִּין!

שְׁמוּאֵל זֶרַח. שְׁטֵייטְשׁ עֶר מוּז דָאךְ אָבֶּער חֲלִיצָה גֶעבִּין, דֶער טוֹידְטֶער לִיגְט דָאךְ מִיטִין פָּנִים אַרָאפּ אִין קֶבֶר!

פְרַאדִיל. נוּא אִין וֶועהְמִין אִיז דִיא מְנִיעָה? אִיךְ הֵייס דָאךְ אִים אַלֵיין גֶעבִּין חֲלִיצָה. אוּנ עֶר ווִיל אִיר גֶעבִּין. אָבֶּער אוֹיף דֶעם אוֹפֶן אַז זִיא זָאל אִים אָפּ גֶעבִּין דִיא טוֹיזֶענְד רוּבִּיל מִיט אִיר צִירוּנְג, כְּדֵי עֶר זָאל נָאכְדֶעם קֶענִין קוּמֶען צוּ אַ לַייטְמֶעשִׁין שִׁידוּךְ אוּנ חֲתוּנָה הָאבִּין...

דָוִד וֶועלְוְוִיל (הַאפְּט אוּנְטֶער) אוּנ מַאכְט זִיךְ קוֹיפֶּען אַ הוֹיז!

פְרַאדִיל (רֶעדְט וַוייטֶער צוּם מַאנְן) וָוארִין דוּא קֶענְסְט אִים נִיט בֶּעהִילְפִיג

בעהילפיג זיין, האסט יעצט אליין ניט. אונ אהן געלד וועט אים קיינער ניט וועלין נעהמין. בלייבט ער דאך א ארימער הלוץ וועט וויסט אויף וויפיל יאהר?

שמואל זרח (לאזט אראפ דעם קאפ שווייגט).

דוד וועלוויל (רוקט זיך בגניבה ארויס דורך דיא זייטין טיר געהט אב).

זיבענטער אויפטריט

דיא פאריגע אהן דוד וועלוועלין.

הדסה (אלס פראדיל איז געווארין אנשוויגען) אונ איך בלייב דאך א ארימע אונד עלענדע חלוצה! פאר וואס וויל מען מיך ניט בארעכינען? אויף וואס פארט וועל איך איבער קומען? עס וועט דאך מיר אויס קומען נור אין וואסער אריין צו ווארפין זיך! וואס דען קאן איך טהון? מיט וועלכען לעבענס מיטעל וועל איך מיין נשמה קענין דער האלטין? (וויינט) א האט רחמנות מיין ליעבער שווער! לאזט ניט איבער רעדין אייער גוטט הערץ דורך שלעכטי רייד!

פראדיל (שטעלט זיך געגין איר) פעלט דעך א ביסעל וויא זיא האט זיך צו פעסטעט! וואס איז דא פאר איין אונגליק? אז דוא ועסט יא אוועק געבין דאס געלד מיט דעם צירונג. נוא וואס זשי איז דיר שוין דא אזוי שלעכט? בלייבסט דאך ביא דיא קליידער אונ ביא דיין מעביל וועלכע טרעפין אוואדאי אן ארוביל זעכס, זיבען הונדערט, וועסטו זיא פערקויפען, וועסט זיך מאכין א שטיקעל פרנסה וועסטו שוין האבין פון וואנען צו לעבין!

הדסה, א פינסטער איז מיר אונ ביטטער! וואס איך קאן שוין דער פון האבין! דיא מלבושים האבין מיר מער ניט געקאסט וויא 300 רוביל צו דער חתונה, אונ דאס מעביל קאסט מער ניט וויא ק״ן רוביל, האט איר סך הכל 450 רוביל, היינט שטעלט אייך פאר אז איך וועל דאס ארויס פירען אויף דעם מארק וועל איך דען מער וויא הונדערט רוביל דער פאר האבין? בין איך דאך 90 רוביל שולדיג פאר דרייא מאנהייט דירה געלד דעם בעל הבית בלייבט מיר נור איבער דיא 10 רוביל, יא וויא! אויף זייא זאל איך שטעלין מיין גאנצען קינפטיגען לעבין? וועל איך דאך דארפין פאר הונגער אויס געהן!

פראדיל (גייהענדיג צום זייטין טיר) נישט קשה, וועסט

ניט

ניט אוים געהן פאר הונגער , האסט א שיין פעניטמול וועט זיך יאוועז
אויף דעם א רייכער חתן , (געהט אב) .

אכטער אויפטריט

שמואל זרח אונד הדסה .

הדסה געהט צו אים צוא) מיין ליבער שוועער . איר זעגט , זינד איך
האב אייך דער קענט , געוועזן א גוטער מענש , אונ שטענדיג
רחמנות געהאט אויף אונגליקליכע , זעהט דאס אצונד צו בלייבען אזוי ,
האט מיטלייד אויף א ארימע אלמנה לאזט איר ניט אפ רויבען ! אייער
ווייב איז מיר א שרעקליכער שונא איך וויים ניט פאר וואס , אונ איך
ווייס אז נור זיא האט אן גירעדט דיד וועלוולין ער זאל ביא מיר
פאדערין געלד , איר קאנט אים אבער איבער ענדערין , איר זענט
א פאטיר אים , א מיט א פאר ווערטער קאנט איר מיך ענטוועדיר
איבער געבין צום לעבין אדער צום טוידט !

שמואל זרח (שטעלט זיך נעבין טיש , נאך א קורצע פויזע) העער
אוים הדסה , איבער ענדערין דיד וועלוולען קאן איך
ניט ווארין ער איז א גרויסער עקשן , איז מיר איין געפאלין אזא פלאן ;
דוא געב אים מאקי וואס ער פאדערט פון דיר אונ לאז ער דיר געבין
חליצה , נור באלד אויף מארגען שטעל איך דיר צו אלעם וואס ער
וועט ביא דיר גענומין , צוריק , ווארין ביא זיך וועט ער דאך דאס
ניט האלטין וועט ער דאס מיר געבין צו בעהאלטין , טראג איך דאס
גלייך צו דיר באלד אפ א היים , אט דאס איז מיין עצה , אונ אויב
זיא גיפעלט דיר , קום מיט מיר אריין צו אים אונ זאג אים אז דוא
בעשטעהסט אויף דעם וואס ער פערלאנגט אונ זאל ער דיר געבין
חליצה .

הדסה (נאך א קליינער פויזע) איר רעדט אפילו וויא א גוטער פריינד
דארף רעדין נור זאל זיין געדולד ביז מארגען , ביז איך וועל
מיך מיישב זיין , אונ אנב אפשר וועט אונז גליקען דיד וועלוולין איבער
צו רעדין ער זאל האטש דיא צירונג פאר מיר לאזין , ווארין איך בין
שטארק אין ספק אויב אייער עצה וועט אוים געפירט ווערין .

שמואל זרח (גייהענדיג צום זייטין טיר) דוא ביזט אין ספק , אונ איך
בין גאנץ זיכער אז אויף דעם צווייטין טאג פון דער
חליצה געבין האסטו צוריק דיין גאנץ געלד מיט דיין צירונג (אב) .

הדסה

ײַנטער אויפטריט

הדסה זעלבסט.

הדסה (שטעלט זיך געגין פובליקום נעבין טיש) א שטארקע פיינדין איז מיר דיא שטיפמוטער זיינע, זעה איך ערשט יעצט! זיא האט אים אן גירעדט אז ער זאל מיך אפ רויבען אונ ער דער נארר האט זיך געלאזט אן רעדין פון איר. גאטט ווייסט אויב דער שווער וועט מיר עפיס קענין העלפין. אויב ער וועט אים ניט וועלין געבין דאס געלד בעהאלטין בין איך פערלארין! (לאזט זיך געהן צום גלאווני טיר) נור וואס זאל איך טהון? ניט נעהמין קיין חליצה בלייב איך פערוויסט אויף עוויג: יא נעהמין, בלייב איך דער ווייל אין גרעסטין ארימען צו שטאנד! (קומט צום טיר, דרעהט זיך אוים מיטין פנים צום פובליקום, קוקט ארויף:) גאטט! אויף דיר פערלאז איך מיך, שטעה מיר צו הילף! (אב, דער טיש מיט דיא צוויא שטילען ווערין שנעלל אב גינומען א טאבלא הייבט זיך אויף, עס ווערד פאר גישטעלט א קליין צימער אין דער מיט א טיר צוויא בעטליך שטייהען רעכטס ווייט אפ געריקט פון וואנד אונ צוויא לינקס. נעבען יעדין בעטיל שטייט אויף באדען א נידריג שאפקעלי, דרייא בעטליך זענען פערעוויגען מיט ווייסע לייליכער, אונ אויף דעם פירדטען וועלכער איז דער לעצטע צום פובליקום זיצט יאזעף, אן געצויגען אין שפיטולנע קליידער, דעם קאפ ארום געבונדען מיט איין ווייסין טוך דאס פנים איז אים בלאס).

צעהנטער אויפטריט

יאזעף זעלבסט.

יאזעף (האלט ביידע הענד אויף דיא פיס, קוקט געגען איבער:) איך מעג אצונד מאכין דיא ברכה מחיה מתים, אז איך בין פון טוידט לעבענדיג געווארין! פריער דאנק איך גאטט אונ דער נאך דעם גוטען דאקטאר, וועלכער האט מיך גערעטעט פון טוידט. אונ האט איין געווענדעט אלע מיטלען אום מיינע וואונדען צו פערהיילען וואס דער מערדער דער שותף מיינער האט מיר פערשאפט! (פויזע. שאקעלט מיטין קאפ) אט וויא עס געבין זיך אויף דער וועלט שלעכטע מענשין! וואס יעניר האט זייא קיין מאהל קיין בייזעס געדענקט צו טהון

טהון אונ זייא דענקען אויף אים דעם טויט ! וויא פראקטיש מיין הדסה האט מיט מיר א מאהל גירעדט. געדענק איך , אז אויף דער וועלט געבין זיך אוים פילע מענשין מיט פרומע נארוושנאסטין, אונ מיט אינערליכע מערדערישע געדאנקין ! זיא האט מיך געווארענט פאר אזעלכע זיך צו היטען אלם איך וועל פון מיין געבורט שטאט ארוים פארין , גלייך וויא איר הארץ האט איר נאך אוים געזאגט אז צו א זעלכע וועל איך ארייין פאלין אין דיא הענד ! דער שותף מיינער , אדער מערדער ! וויא פרום ער האט פאר מיר זיך געוויזען, וויפיל פריינדשאפט ער האט מיר געצייגט מיטין מויל , אונ דער דינער מיינער וויא טרייא ער האט זיך געוויזען צו מיר , זייט ער איז מיין דינער , האט אויך גענומען א טהייל אין דעם מארדטהאט ! ער איז געוועזין איין האנד אט א פנים מיט באריסען אז מען זאל מיך טוידטין אונ מיט מיין געלד זיך צו טהיילען . מיין גליק וואר וואס דער דאקטאר איז אן געקומען אונ האט דעם לעצטין פונק פון לעבין אין מיר אויף געבלאזין , זאנסט , ווער וויים וויא מיינע ביינער וואלטין הין געקומען ! אונ איך וואלט שוין קיין האפנונג געהאט אין מיינע מערדיר ראכע צו נעהמין , יא איך וואלט מער ניט געקענט האפין צו זעהן מיין אלטין פאטיר , מיין איינציגען ברודער , אונ מיינע טהייערי פרוי , וועלכע זיא רעכינט מיך שוין אוודאי פאר א פערפאלענים פון איר , אונ זיך פאר איין עווינער עגונה ! ניט איין טייך טרערין האבין שוין אירע אויגען פערגאסען נאך מיר מסתמא ! ניט איין טאג האט זיא אין דויטער זיפצען אונ קרעכצין פארבראכט ! אונ איך צו מיין אונגליק , קאן איר דיא מינדעסטי נאכריכט פון מיר ניט איבער געבין ! (פויזע) איך וויים גאר ניט פאר וואס דער דאקטאר לאזט מיר קיין בריעף צו איר ניט שרייבען ? ער זאגט אז נור עטוואס צו דענקען קען מיר שאדין אויף מיין געזונד אך וויא פערקאירט ער איז מיט זיין מיינונג ! ווען ער זאל מיר ערלויבען נור א פאר ווערטיר אויף שרייבען צו מיין הדסהן וואלט איך דאך באלד געזונד געווארין ! ער וויים ניט אז דאס שוויינען פערשאפט נאך מיר גרעסערי וואונדען אין הארצין ! ער איז אזוי איין געבילדעט אין דיזען פאלשין מיינונג א אפילו א ווארט אוים רעדין מיט אים ווען ער קומט צו מיר ארייין, אדער מיט דעם לאקייא לאזט ער מיר אויך ניט ! (פויזע , מיט היין ;) ניין ! איך קען דאס שוין מער ניט אריבער טראגין ! קומט היינט נור ארייין דער דאקטאר וועל איך אים בעטין ער זאל מיר ערלויבען צו רעדין , זאל מיר ערלויבען

א בריעף

אַ בְּריעף צוּ שְׁרייבען, װען ניט שרייב איך מיך אוים! (דער דאקטאר
קומט אַריין, געקליידעט אין אַיין אוניפאַרים.)

עלפטער אויפטריט

דער דאקטאר אונד דער פאַריגער.

דאקטאר (שמייכלענד, צו גייהענד צו אים) עס פריידעט מיך זייער
יונגער מענש װאס איך טרעף אייך ניט מער ליגען אויף
דעם בעטיל (שפּאַרט זיך אַז געבּין שאַפּקעלי. גענין אים.)

יאָזעף (ערפריידט) אַ ענדליך רעדט איר שוין מיט מיר! איך דאַנק
אייך זעהר הערר דאקטאר פאַר דעם געגאָד! ביז יעצט האָב
איך פיל שמערצין געליטען דורך דעם שווייגען.

דאקטאר, איר ברויכט אָבער ניט פאַר אומגוט דאס אָן צו נעהמין,
איר דאַרפט ניט פאַר געסין אַז איר זענט געבּראָנעט
געװאָרין אין קאָפּ, אייערע נערװען זענען צערשטערט געװאָרין פון
זייער אָרט, האָבין זייא געמוזט אַ צייט רוהע האָבין ניכטס צו דענקען,
דאדורך האָב איך אייך ניט געקענט ערלויבען צו רעדין אָדער
עטװאָס צו קלערין אויף שרייבען.

יאָזעף, אָבער יעצט איז מיר שוין ערלויבט צו שרייבען, הערר
דאקטאר?

דאקטאר (שטעלט זיך גענין אים) װאַרט, איך װעל פריער בעטראַכטין
אייער ראַנע (בינדט אים אָפּ דעם טוך פון קאָפּ, קוקט
אים אויף דער פּאַטילנצע) יאָ יעצט דענק איך אַז איר דאַרפט שוין
ניט שרייבען, אייער ראַנע איז שוין פערהיילט. איר קאָנט צו הויזע
רייזען!

יאָזעף (שרייט אוים) גאָטט! איך בין גליקליך! איך זעה מיך באַלד
מיט מיין טהייערע פרוי! (ראַכט אים דיא האַנד) איך דאַנק
אייך הערר דאקטאר פאַר דער רעטונג װאס איר האט מיר גיגעבין!

דאקטאר (זעצט זיך נעבין אים) קיין דאַנק קומט מיר ניט, דען איך
האָב געטהון מיין שולד װעלכעס דיא מענשהייט פאָדערט
מיר ערציילט ליבערסט װיא אַזוי איר קומט אין װאַלד, אונ װער איז
דער מערדער װאס האט אויף אייך געשאָסין.

יאָזעף, דער מערדער איז מיין שותף, איך בין מיט אים געפאָרין
אַהער קיין ביאַלאַסטאָק נאָך געװאָנט קויפען, אויף דער

לעצמיר

לעצטיר כטאנציע וואס פאר ביאלאסטאק, האט ער מיר געגעבען מיר זאלין זיך אפ שטעלין. אונ איך וואס האב אויף קיין שום געפאהר געדענקט האב דרויף איין געוויליגט, מיר האבין זיך גיזעצט טרינקען טהעע, נאך דער טהעע איז ער ערגעץ פארשווינדען געווארין מיט מיין דינער אויף א האלבע שעה נאכהער איז ער אליין צוריק געקומען אונ מיך געבעטין איך זאל מיט אים א ביסעל זיך דורך געהן אין בילייוויזשער וואלד, איך האב אים דאס אויך צו ליב געטהון, נור קוים בין איך מיט אים אריין געקומען אין וואלד האט ער מיט מיר זיך אפ גישטעלט אונ מיר געזאגט אז איך זאל ווארטין אויף דעם ארט, אונ ער וועט געהן אויף זוכען א שעהנערין געגענד אויף פרישע לופט צו געניסען, ער איז אוועק געגאנגען איז צו מיר באלד אינטער געקומען מיין דינער, איך האב מיך מיט אים פארעדט, ער האט זיך א פאר מאהל אפ געדוקט פון מיר אונ איך האב ניט פערשטאנען וואס ער מיינט דער מיט, נור פליצלונג האב איך דער הערט אינטער מיר א שאס פון א רעוואלווער אונ איידער איך האב מיך ארום געקוקט, האט דיא קויל מיך געטראפין אין נאקין, איך בין געפאלין צו באדין אונ פון מיין קאפ האט אן געהויבען צו גיסען גאנצע טייכין מיט בלוט, איך האב אויס געשריען רעטעט! מיט אלע מיינע קרעפטין אונ בין באלד שטיל געבליבען, האב מיך מיט קיין גליד גיקענט ריהרען פאר שמערצין, דער דינער מיינער האט געחאפט מיין ראק אונ איז מיט אים אנטלאפין אין דעם ראק איז געלעגין טויזענד רובל מיין גאנצער קאפיטאל וואס איך האב געדענקט מיט אים מיין צוקונפט צו בויהען, איך האב אויס גישטרעקט מיינע הענד (ווייזט וויא אזוי) אונ נאך אמאהל אויס געשריען, אבער גאנץ שוואך, רעטעט! אונ בין נאכדעם אין אהנמאכט געפאלין, אונ וואס ווייטער מיט מיר איז געשעהן, וויא אזוי איר זענט פליצלונג אונטער געקומען צו מיר אונ מיך אהער געבראכט ווייס איך שוין ניט.

דאקטאר, אונ דיזעם קענט איר באלד וויסען, איך בין גראדע דאמאלס געגאנגען אין וואלד שפאצירען מיט מיין דינער. מיט א מאהל האב איך דער הערט א שאס פון א רעוואלווער אונ א שוואכין ווידערהאל "רעטעט", דא האבין מיר זיך ביידע געלאזין לויפין נאך דעם ווידער האל, אונ זענען צו אייך אן געקומען, מיר האבין שוין אבער קיינעם נעבין אייך געטראפין, איר זענט אליין געלעגען נעבין א בוים פער באדין אין אייער בלוט, גאנץ שטיל ניט מיט קיין גליד געריהרט, איך האב מיך צו גיהערט צו אייער הפק אונ געזעהען אז איר

לעבט

לֶעבְּט נָאךְ, הָאבּ אִיךְ גֶעשִׁיקְט מַיין דִינֶער אִיז שְׁטָאדְט נָאךְ אַ פוּר, אוּנ אַייךְ אָמְפְּרַאוֶועט אַ הֶער אִין שְׁפִּיטוֹל. דָא הָאבּ אִיךְ בֶּעטְרַאכְט אַייעֶר רַאנֶגע אוּנ גֶעזֶעהֶען אַז זִיא אִיז נִיט גֶעפֶעהְרְלִיךְ, אִיר בְּרוֹיכְט נוּר צוּ הָאבִּין רוּה, הָאבּ אִיךְ דְרוּם גֶעשַׁאפְט מֶען זָאל אַייךְ אִין דֶעם צִימֶמֶער אִיבֶּער טְרָאגִין. (זַיין דֶענְשְׁטְשִׁיג אִין זֶעלְנִיר קְלֵיידֶער קוּמְט אַרַיין מִיט אַ קָאנְוֶוערְט אִין הַאנְד).

צְוֶועלְפְטֶער אוֹיפְטְרִיט

דֶער דֶענְשְׁטְשִׁיג אוּנ דִיא פָארִיגֶע.

דֶענְשְׁטְשִׁיג (דֶער לַאנְגְט דֶעם דָאקְטָאר דֶעם קָאנְוֶוערְט) פוּן פָאלְקָאוְונִיק אַ בְּרִיף צוּ אַייךְ, (אַבּ).

דְרֵייצֶעהֶנְטֶער אוֹיפְטְרִיט

דִיא פָארִיגֶע אָהְן דֶעם דִינְשְׁטְשִׁיג.

דָאקְטָאר (רַייסְט אוֹיף דֶעם קָאנְוֶוערְט) פוּן פָאלְקָאוְונִיק צוּ מִיר אַ בְּרִיעף? נַייעס! עֶפִינְט דֶעם בְּרִיעף לֶעזְט אִין אִים: דָאקְטָאר פֵיינְהָאלְץ! אִין 24 שְׁטוּנְדֶען דַארְף אוּנְזֶער פָאלְק אִיבֶּער גֶעהְן קֵיין בְּרִיסְק, אַלְזָא מַאכְט זִיךְ פֶערְטִיג אִין וֶועג. (לֶעגְט אִין קֶעשֶׁענֶע דֶעם בְּרִיעף).

יָאזֶעף (פֶער וִוינְדֶערְט) אַייעֶר פַאמִילְיֶע אִיז פֵיינְהָאלְץ?

דָאקְטָאר (שְׁמֵייכֶעלְט) יָא אַזוֹי אִיז מַיין פַאמִילְיֶע, נוּר צוּא וָואס אִיז דִיא פְרַאגֶע!

יָאזֶעף (מִיט הִיץ) אוּנ אַייעֶר נָאמִין?

דָאקְטָאר, מַיין נָאמִין אִיז מֵאִיר.

יָאזֶעף (שְׁרַייט) גָאטְט וָואס הֶער אִיךְ? מֵאִיר פֵיינְהָאלְץ הֵייסְט אִיר? אוּנ אַייעֶר גֶעבּוּרְט שְׁטָאט וִויא הֵייסְט?

דָאקְטָאר (קוּקְט אִים אָן מִיט עֶרְשְׁטוֹינֶען) מַיין גֶעבּוּרְט שְׁטָאט הֵייסְט בְּרִיסְק!

יָאזֶעף, אוּנ אַ פֶאטִיר הָאט אִיר אוֹיךְ?

דָאקְטָאר, יָא אִיךְ הָאבּ אַ פֶאטִיר מִיט צְווֵייא יוּנְגֶערִי בְּרִידֶער פוּן זִיךְ.

יָאזֶעף, אוּנ זֵייעֶרִי נֶעמֶען?

דָאקְטָאר, צְוַואר מִיךְ וְוּנְדֶערְט דִיא פִילֶע פְרַאגֶען, דָאךְ וֶועל אִיךְ שׁוֹין

שוין ענפעריז אויף זייא אונ איך זאל וויסען געגין וואס איר פרעגט, מיין פאטער הייסט שמואל זרח, איין ברודער דוד וועלוויל, אונ דער עלטעריר פון אים הייסט יאזעף...

יאזעף (נעהמט אים ארום שרייט אוים) מיין ברודער!...

דאקטאר (שטייט אויף האסטיג קוקט אויף אים) הימעל! וואס הער איך? איך בין אייער ברודער? וויא אזוי הייסט איר דען?

יאזעף (שטייט אויף נעהמט אים ארום) איך בין דיין ברודער יאזעף!

דאקטאר (טרעט צוריק עטליכע טריט, קוקט אויף אים מיט שטארע אויגען) הא? דוא ביזט מיין ברודער יאזעף? (קוקט אויף אים א פאר זעקונדען, לויפט צו אים צוא נעהמט אים ארום) א גאטט! וויא אונגליקליך איך בין אז איך האב מיין אייגענעם ברודער שוין ניט דער קענט! (קושט אים) מיין טהייערער ברודער! מיין ליבער יאזעף!

יאזעף (קושט אים) מיין ברודער, מיין רעטער, מיין וואלטהעטיר! א וויא גליקליך איך שעצע מיך אז דוא מיין ברודער ביזט מיין רעטער געוועזן!

דאקטאר, אונ וויא גליקליך איך בין אז איך האב גירעטעט מיין ברודער פון טוידט! (קושען זיך, נעהמין זיך אן ביא דיא הענד זעצין זיך אויף דעם בעטיל).

יאזעף, דער צייל מיר מיין טהייעריר ברודער וואס מיט דיר האט זיך פאסירט אין דיא 10 יאהר וואס דוא ביזט פון אונז אוועק. אונ וויא אזוי דוא ביזט וואיעני דאקטאר געווארין, אונ ווארום האסטו זיך ניט געלאזט הערין דיא גאנצע צייט צו אונז?

דאקטאר, אז קהל האט מיך אפ גיגעבין אין דינסט, האט מען מיך אוועק געשיקט קיין קיעוו מיט נאך פיל רעקרוטען מיר זאלין דארטין שטיין, איך האב מיך באלד געווענדעט צום גענעראל מיט א ביטטע שריפט, אים בעשריבען מיין גאנצע ביאגראפיע וואס מיט מיר האט זיך פאסירט דאס איך בעזיץ פיל קענטניסע, האב פעהיגקייטין צום בילדונג, אונ אם ענדע האב איך אים געבעטין אז ער זאל מיר שטיין צוא הילף, אונ מיר ערלויבען אריין צו טרעטין אין קיעווער אוניווערזיטעט איך זאל מיין עקזאמין ענדעגין אויף דאקטאר שטודיום. דער גענעראל וועלכער ווער זייער א גוטער מענש האט מיין ביטטע שריפט ניט פערוויזען, האט מיך געשיקט מיט א פאפיר צום דירעקטאר דאס ער זאל מיך עקזאמענירען, דיזער האט מיך עקזאמענירט, איך האב זיין פראגע אוים געהאלטין אונ בין געבליבען זיין שילער אלזא,

זעכס יאהר האט געדויערט אלס איך האב גיענדעגט דעם מעדעצינסקוי פאקולטעט נאכהער בין איך פון דארטין ארויס מיט א דיפלאם אז איך האב רעכט דאקטאר צו זיין, איך בין געקומען צום געגעראל און אים אפ געדאנקט פאר דעם וואלטהאט וועלכעס ער האט מיט מיר געטהון איך בין באלד פאזנאטשעט געווארין פאר א וואיענע דאקטאר אין איין פאלק וועלכער איז באלד אוועק געגאנגין א הער קיין ביאלאסטאק, פון דאמאלס אן וואוין איך דא, איך האב אפילו פיל מאהל שוין געוואלט א בריעף שרייבען צום פאטער אין בריסק, נור דער האס צוא מיין שטיפמוטער האט דאס מיר ניט געלאזין טהון. אז איך דער מאן מיך דיא צרות וואס זיא האט מיר אן געטהון א מאהל וויא זיא פלעגט מיך פריסלעדעווען אויף יעדין טריט, און געפירט צום פאטער רכילות און ער האט איר אויף אלעס געגלויבט, אט דער געדאנק האט מיך שטענדיג צוריק געהאלטין ווען איך האב געוואלט צו אים שרייבען.

יאזעף, האסטו שוין געהייראטעט אויך?

דאקטאר, ניין! נאך האב איך ניט געפונען דיא דאזיגע וועלכע מיין הערץ זאל צו איר געהערין!

יאזעף, און איך האב שוין פון א יאהר געהייראטעט, מיך האט מיין שיקזאל בעגליקט מיט זייער א טהייערי פרוי א קלוגע א גוטע הערציגע האט מיטלייד אויף יעדין ליידענדין.

דאקטאר (רייכט אים דיא האנד) איך גראטעלירע דיר ברודער מיט דיין גוטע פרוי, איר נאהמען?

יאזעף, איר נאהמין הדסה, וועסט איר אן קוקען ליעבער ברודער וואס פאר איין ליעבעס קינד דאס איז! איין עכטע קאפיע פון איין ענגעל געשטאלט! א וויא טרייא זיא איז צו מיר! איך געדענק נאך יעצט וויא זיא האט מיך דאמאלס געבעטין צוריק מיט דרייא מאנהיים אז איך זאל ניט מאכין מיט דעם פאריסען וואס האט אויף מיר געשאסין קיין שותפת! דאס הערץ האט איר געזאגט אז ער וועט מיר בייזעס טהון! ער האט אויף מיר געשאסין דורך דיא געהילפע פון מיין דינער, און האבין מיין לעצטין קאפיטאל אוועק גערויבט. און יעצט אז איך קום שוין א היים, האב איך ערשט קיין מיטעל פון תאגען זיך צו ערנערין מיט מיין פרוי! (זיפצט).

דאקטאר (נעהמט אים אן ביא דער האנד) ניכט געזארגט ליעבער ברודער ווען נור דוא וועסט זיין געזונד האסטו געלד אויך, איך בעזיץ א היבשען קאפיטאל, איך וועל מיך מיט דיר אים גלייך

גְלַייך מְהַיילֶען. דָאס וֶועט אָן קוּמֶען אוֹיף דַיין חֵלֶק פִּינָף מָאהְל מֶעהְר
וִויא דוּא הָאסְט פֶערְלוֹירֶען!

יָאזֶעף (גֶעהְמְט אִים אַרוּם) אַ מַיין טְהַייֶערִיר בְּרוּדֶער! פְּרִיעֶר בִּיזְטוּ גֶעוֶועזֶען מַיין רֶעטֶער, אוּנ יֶעצְט בְּלַייבְּסְטוּ אוֹיךְ מַיין וָואלְטְהֶעטִיר! (לָאזְט אִים אָפּ).

דָאקְטָאר. עֶרְצֵייל מִיר יֶעצְט וִויא אַזוֹי גֶעהְט עֶס מִיט אוּנְזֶער פָאטֶער.

יָאזֶעף. עֶר גֶעפִינְט זִיךְ גָאט זַייא דַאנְק גֶעזוּנְד, נוּר זַיין אָבְּסְטָאַיטֶעלְסְטוָוא אִיז יֶעצְט זֵייעֶר גֶעמֵיין!

דָאקְטָאר, אוּנ דָוִד וֶועלְוְויל וָואס מַאכְט? לֵיידֶעט עֶר חָאטְשׁ נִיט קַיין צָרוֹת פוּן דֶער שְׁטִיפְמוּטֶער אוּנְזֶערִי?

יָאזֶעף. לֵיידֶער לֵיידֶעטֶער גֶעבִּיךְ פִיל צָרוֹת! זִיא שְׁטוּפְּט אִים פִיל מָאהְל אַרוּיס פוּן שְׁטוּבּ, וִויל אִים גָאר קַיין עֶסִין נִיט גֶעבִּין, אַדַאנְק מַיין גוּטֶע פְּרוֹי, וֶוען נִיט זִיא וָואלְט עֶר פַאר הוּנְגֶער אוֹיס גֶעגַאנְגִין!

דָאקְטָאר אוּנ אוּנְזֶער פָאטִיר וָואס זָאגְט דְרוֹיף? אִים הַארְט דָאס גָאר נִיט?

יָאזֶעף. קֶענְסְטוּ דֶען נִיט אוּנְזֶער פָאטֶער? עֶר אִיז, זָאל עֶר מִיר מוֹחֵל זַיין אַ שְׁלָאף מִיצֶעל וָואס זִיא טְהוּט אִיז גֶעמְהוֹן, עֶר קוּקְט אוֹיף קַיין זַאךְ זִיךְ נִיט אוּם!

דָאקְטָאר (שְׁטֶעלְט זִיךְ הַאסְטִיג אוֹיף:) יֶעצְט וֶועט זִיא שׁוֹין בֶּעקוּמֶען דִיא מַפָּלָה! (זֶעצְט זִיךְ) זָאג מִיר נוּר יָאזֶעף, דֶער פָאטֶער דֶערְמָאנְט מִיךְ אַ מָאהְל?

יָאזֶעף. עֶר דֶער מַאנְט דִיר זֵייעֶר אָפְט, אוּנ ווִישְׁט זִיךְ דֶער בַּייא דִיא אוֹיגֶען פוּן טְרֶערִיז.

דָאקְטָאר, אוּנ פוּן דֶעם פֶּעקִיל טַאבַּאק וָואס עֶר הָאט בַּייא מִיר גֶעפוּנֶען שַׁבָּת אִין קֶעשֶׁענִי אִיז עֶר שׁוֹין דֶערְגַאנְגִין אַז דָאס וַואר דִיא שְׁטִיפְמוּטֶערְס אַרְבַּייט?

יָאזֶעף. דָוִד וֶועלְוְויל הָאט אִים אַפִּילוּ נָאךְ בַּאלְד גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט אַלֵיין גֶעזֶעהְן וִויא זִיא הָאט דָאס אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין דַיינֶע הוֹיזֶען קֶעשֶׁענִי. נוּר וָואס הֶעלְפְט דָאס? עֶר וִויל דָאס עַד הַיּוֹם אוֹיף אִיר נִיט גְלוֹיבֶען, ווָארִין עֶר הַאלְט אִיר פַאר אַ צַדְקָנִיוֹת.

דָאקְטָאר. יֶעצְט זָאל זִיא הָאבִּין אִיר סוֹף! גְלַייךְ וִויא אִיךְ קוּם נוּר צוּם פָאטֶער וֶועל אִיךְ זֶעהְן דִיא מִינוּט אִין אִיר רַאבֶע צוּ נֶעהְמִין, אָבֶּער דִיזֶע רַאבֶע וֶועט זַיין אַ גַאנְץ אֵיידֶעלִי אוּנ אֵיין הֶעכְסְט חִיטְרֶע!

יאזעף, וואס ווילסטו איר דען טהון?

דאקטאר, אז מיר וועלין פליצלונג אריין קומען צום פאטיר וועט ער דאך מסתמא פרייהען איבער אונז, וועל איך אים הייסען שטעלין בראנפין צום טיש אונ וועל זיך פלייסען אז ער זאל זיך א ביסעל איבער טרינקען, אונ דאמאלס וועל איך ביא אים ארויס נארין אוועכסיל אויף אזא סומע וואס זאל אן טרעפין פינף מאהל מעריר וויא ער פערמאגט אונ דאן וועל איך ביא אים אוועק נעהמין זיין גאנץ פארמעגין. דיא שטיפמוטער וועל איך ארויס שטופען וויא אזוי זיא שטייט אונ געהט, אונ דעם פאטיר וועל איך האלטין ביא זיך, וועל אים אלע פערגעניגען פערשאפין נור מיטין ווייב וועל איך אים קיין מאהל ניט לאזין זיך צו נויף קומען אט דאס וועט זיין מיין נקמה אין דער שטיפמוטער אונזערי. וויא גיפעלט דיר יאזעף דער פלאן?

יאזעף, ער געפעלט מיר זייער, אבער מיט וועלכען אויס רייד וועסטו ביא אים אויס נארין דעם פאדפים?

דאקטאר, אז מיר וועלין קומען קיין בריסק, וועלין מיר ביידע באלד אריין געהן צו אים...

יאזעף (שלאגט איבער) ניין ניין! איך לויף באלד צו מיין הדסהן!

דאקטאר (נעמט אים אן ביא דער האנד) אך זייא זשי ניט אזוי געהיילט! דען דער מיט וועסטו דאך גאר פערניכטען מיין פלאן! אז מיר וועלין צו אים קומען זאלסטו אים זאגין אז מען דארף שיקען א בריף צו הדסהן אין זיין נאהמין אז ער מעלדעט איר אז דוא קומסט באלד צו פארין, כדי זיא זאל ניט איבער שרעקין מיט דיין פלוצליכען ערשיינען ביא איר. דעם בריף וועל איך שרייבען, וואריין ער וועט דאך שוין זיין אויס געטרינקען וועל איך דאמאלס אנשטאטט דעם בריעף שרייבען, וועל איך א וועכסיל אן שרייבען, אונ אים הייסין דרויף אונטער שרייבען, דיא אויגען וועלין דאך אים זיין פערגאסין וועט ער ניט בעמערקין אויף וואס ער שרייבט זיך אונטער! בעשטעהסטו דרויף מיין ברודער?

יאזעף (שטייט אויף) איך באשטעה! מארש קיין בריסק!

(דער דאקטאר שטייט אויף, שטעלט זיך מיט אים האלב זייטיג צום פובליקום, אונ האלב זייטיג צום טיר. לעגין ארויף. דיא הענד אויף דיא אקסלין איינער ביים אנדערין).

דאקטאר (אלס יאזעף איז אנשוויגען געוואריין) צו מיין געבורט שטאט!

יאזעף

יאזעף, צו מיין געליבטע פרוי!

דאקטאר, צו מיין געליבטען פאטער!

יאזעף, צו מיין טהייערי חדסהן!

דאקטאר (שטעלט דעם ערשטין שפאן מיט אים) באבע אין דער שטיפמוטער!

יאזעף, באבע אין מיינע מערדער! (נעהמין זיך ביידע ארום).

דער פארהאנג לאזט זיך שנעלל העראב.

פירטער אקט

(ביי דעם אקט שפילען אלע פערזאנען זייערי ראליען אויסער דעם דינשטשיג).

(דער ערשטער האלב פון דעם אקט געשיהעט ביי שמואל זרחין אין הויז אונ דער צווייטער ביי הדסהן אין א ארעם וואהנונג).

(דיא צייט פון דעם אקט איז פאר האלבען טאג)

סצענע

(א קליינער זאל, אין דער מיט א קליינע טיר, רעכטס א זייטין טיר. אין דער מיט זאל א טיש, פון 3 זייטין ביים טיש שטעהען 3 שטולען, דיא פירטע זייט וועלבע איז צום פובליקום איזט ליידיג, דוד וועלוויל געקליידעט וויא אין ערשטין אקט, קומט אריין דורכין זייטין טיר אלס דער פארהאנג הייבט זיך אויף. אונד שטעלט זיך נעבין טיש וויא עס איז ליידיג אהן שטולען, מיטין פנים צום פובליקום).

ערשטער אויפטריט

דוד וועלוויל זעלבסט.

דוד וועלוויל (רייבט זיך מיט איין האנד דאס אויג דאס פנים איז רחמנותדיג:) איך וויים גאר ניט וואס דיא מומע טראכט זיך? זיא האט ביי מיר צו גינומען דיא טויזענד קערבליך מיט דעם

צירונג

צירונג וואס הרבה האט מיר גיגעבין פאר חליצה איר געבין איז זיא צו מיר אזוי שלעכט געווארין אזש סכנות! ניט זיא מאכט מיר קיין קאסטיום. ניט זיא גיט מיר קיין שיינע כלה (לאזט אראפ דיא האנד פון דעם אויג) נור איך וואלט איר שוין דאס מוחל געוועזין. לאז זיא מיר חאטש געבין עסין אין דער צייט, וויל זיא דאס אויך ניט! לאזט מיך פאסטין אפשר אגאנצין טאג, גיבט מיר ניט קיין קישען, אויף דער זייט. שלאגט מיך אלע מאהל, אונ טרייבט מיך שוין גאר ארויס פון שטוב! אז איך וויל נעהמין א שטיקעל ברויט, שרייט זיא באלד; דוד וועלוויל! פרעסט שוין ווייטער! דוד וועלוויל! גענוג דיר שוין צו פרעסין! איך וויים גאר ניט וואס זיא טראכט זיך? (פויזע, פעסטעט זיך) שוין אפשר 12 דער זייגער אונ איך האב נאך גאר ניט איבער געביסען! איך בין אזוי הונגעריג אזש סכנות! (וויינט הויך, שמואל זרח געקליידעט וויא אין דיא פאריגע אקטין קומט אריין דורכין גלאוונים טיר).

צווייטער אויפטריט

שמואל זרח אונד דער פאריגער.

דוד וועלוויל (אלס ער הערט דיא טיר עפנען, דרעהט ער זיך אויס מיטין פנים צו איר, אונ אלס ער ערזעהט דעם פאטיר אריין קומען, הייבט ער אן הויך צו וויינען).

שמואל זרח (צו גייהענד צו אים) וואס וויינסטו דוד וועלוויל?

דוד וועלוויל (מיט א אוים געצויגענים טאן:) איך בין הונגעריג!

שמואל זרח, פאר וואס זשי זאגסטו ניט דער מומין זיא זאל דיר געבין עפים צו עסין?

דוד וועלוויל (קוקט אראפ, שפילט זיך מיט א ציצע, בלאזט אן דיא באקען:) יא איך האב איר שוין צווייא מאהל געזאגט זיא זאל מיר געבין עסין, האט זיא מיר נור גוט אן געשאלטין אבער קיין עסין וויל זיא מיר ניט געבין!

שמואל זרח, וואס הייסט זיא וויל דיר ניט געבין? מיין קינד וועט זיא זשאלעווען עסין? (לאזט זיך געהן צום זייטין טיר, פבאדיל קומט אים א געגין געקליידעט וויא אין 3 טין אקט).

דריטער אויפטריט

פראדיל אונד דיא פאריגע

שמואל זרח (צו פראדלין) פאר וואס גיבסטו אים ניט קיין עסין פראדיל ? צו איז נאך ניט צייט פאר אים אז ער זאל איבער בייסין ?

פראדיל (בלייבט שטיין געגין פובליקום נעבין א שטול) לאז ער געהן צו הדסהן, וועט זיא אים געבין עסין !

דוד וועלוויל (צו איר) נוא גיבט מיר אפ דיא טויזענד קערבליך מיט דעם צירונג וועל איך איר זייא אוועק געבין וועט זיא מיר געבין עסין !

פראדיל, איך האב בייא דיר גענומען געלט מיט צירונג פארך איינער

דוד וועלוויל (דרעהט זיך אוים צום פובליקום, חאפט זיך אן מיט ביידע הענד פארן קאפ :) אוי איז דאס א ליגנערטי אזש סכנות ! ערשט יעני וואך גיב איך איר צו בעהאלטין טויזענד קערבליך מיט צווייא פושקעליך צירונג אונ אצונד זאגט זיא שוין אז זיא האט בייא מיר גאר ניט גענומען ! (מיטין פנים צו איר) ליגנערטע ! ליגנערטע !

פראדיל (לויפט צו אים) דוא זאלסט ניט זיין קיין שגץ ווארין איך צו ברעך דיר דיינע ביינער הערסטו ?

דוד וועלוויל (אנטלויפט צום פאטיר, האלט זיך אן בייא זיין קאפאטע: מיטין פנים צו איר :) גיבט מיר אפ מיין געלט מיטין צירונג !

פראדיל (טראגט אים אונטער א פייג אונטער דעם נאז) נא ! אט דאס געב איך דיר !

דוד וועלוויל, נוא גיבט מיר חאטש עסין !

פראדיל (געהט צו צום טיש) ביזט ניט קראנק צו געהן פערדינגען אויף עסין !

שמואל זרח (געהט צו צום טיש, זעצט זיך אויף א שטול געגין איר דוד וועלוויל שטייט ניט וייט פון אים).

שמואל זרח (שאקעלט צו איר מיטין קאפ) א פראדיל פראדיל ! וויא האסטו קיין מורא ניט פאר גאטט ! בארעכין נור וואס דוא האסט געטהון ! האסט אים אן גירעדט ער זאל אפ ראבעווען איין ארימע אלמנה, אונ דיר דאס אוועק געבין, אונ צום סוף ווילסטו אים נאך קיין עסין ניט געבין ! איז רעכט אזוי ? פרעג איך דיך ביזט דאך א פרומע יודענע הא !

פראדיל

פראדיל, איך בעט דיך ניט, זאלסט מיר מוסרין, עס האט ניט צו דיר וואס איך טהו!

שמואל זרח, שטאטש עס האט ניט צו מיר? ער איז דאך אבער פארט מיין קינד!

פראדיל, נוא הענג זיך אויף אים!

שמואל זרח (זיפצט) אז אך אונ וועה איז מיין וועלט חלעבין וואס איך האב דיך גאר דער קענט פאר א ווייב צו מיר!

פראדיל (מיט כעס) יא האבט זיך טאקי וואס צו ווארפין מיט מיר, איך האב פאר געסין, ביזט א גרויסער בעל יחסן, האסט זייער פיינע קינדער איין זיהן האסטו אליין אים געהאפט ביא ציגארין רויכענע אום שבת, האסט אים אפ גיגעבין פאר א סאלדאט. נוא וואס איז געווארין פון אים? אונ אוודאי א משומד וואס דען? ער וועט יודעשקייט אוים האלטין? אונ דער אנדעריר זאל זיך שוין מיהען פאר מיינע אלטע חאליאוועס איז אויך געוועזן א פרום זיהנדעלי. אז ביא אים איז געוועזן רעכט זיין ווייב זאל געהן מיט דיא אייגענע האר, האט אים אמת גאטט בעצאהלט דער פאר מיט אזא מיתה אז ער האט אפילו ווידוי אויך קיין צייט געהאט צו זאגין! הא הא הא! נישטא ווער עס זאל לאכין פון דעם בעל יחסן!

שמואל זרח. מיט מיינע חסרונות וואס דוא ווייזט מיר דא אויף, האב איך נאך קיין מענשין אונגליקליך געמאכט! אונ דוא וואס דוא ריהמסט זיך פאר א יחסנטע אונ פאר א צדקניות, האסטו גענומען איין ערליך קינד וואס האט קיין מאהל ניט געטראכט יענים צו בערויבען, רעדסטו אים אן אז ער זאל בעראבעוען איין ווייסטע חלוצה אונ דיר דעם רויב אוועק געבין, אונ דער נאך אז ער האט דיר שוין אלס דינג אוועק גיגעבין, טרייבסטו אים שוין פון שטוב, אפילו א שטיקעל ברויט ווילסטו אים ניט געבין שוין, גלייך וויא דוא האסט פון אים גאר ניט גענאסין, אדער גלייך וויא דוא ברענגסט אריין אין שטוב דיא גאנצע פרנסה! נוא פרעג איך דיך הייסט דאס ניט אכזריות פון דיר?

פראדיל, נוא אז איך האב יא צו גענומען ביא אים הדסהס געלד וועל איך דאס אוועק געבין מיינע קינדער וואס איך האב ניט?

שמואל זרח, דוא גיבסט מיר אויך ניט!

פראדיל (מיט כעס) אהא! אט דער פאר נעהמסטו זיך אזוי אן, דוא ווילסט דאס געלד האבין, א קרענק אין דיא זייטין וועל איך

דיר

דיר געבין! איך וועל בעסיר לאזין שרייבען א ריינינקייט אין שול אונ חתונה מאכין ארימע יתומים מיט דעם געלד. וועל איך חאטש עולם הבא האבין אויף יענער וועלט. וואס דען? פון דיר וועל איך עולם הבא האבין?

דוד וועלוויל. איר האט דאך גאר געזאגט אז איר וועט מיך חתונה מאכין?

פראדיל, דיר נאר? א קרענק אין בויך! האסט א געזונטין טאטין לאז ער דיר חתונה מאכין! (זעצט זיך).

שמואל זרח (שטייט אויף, שפאנט הין אונד הער, בייסט דיא נעגיל).

דוד וועלוויל (רייבט זיך מיט איין האנד דאס אויג) איך וויל עסין!

פראדיל, מכות, קדחות, אונ קרענק אט דאס נעהם אונ עס!

שמואל זרח (בלייבט שטיין נעבין דוד וועלוולין מיטין פנים צו איר) וואס האסטו אים צו שעלטין אז דוא הארעוועסט ניט אויף זיין עסין? (געהט ארום) א א א! פון דרייא קינדער בייא איינעם געבליבען, צום סוף וויל זיא מיר דעם איינעם אויך פארשעלטין!

פראדיל, נוא נוא האב קיין מורא ניט, ער וועט נאך דיך איבער לעבין.

דוד וועלוויל (ארעפ געלאזט דיא אויגען, רעדט נאיווע : לאז גאטט היטען!...

פראדיל (צו לאכט זיך) חא חא חא, אט איז א געטרייער זוהן! ער לאזט ניט דעם טאטין פריער שטארבין!

שמואל זרח (גיבט דוד וועלוולין קאפיקעס) נא דיר חכם מיינער געלד, געה קויף זיך אויף איבער בייסין!

דוד וועלוויל (נעהמט צו דאס געלד לויפט ארויס דורכין זייטין טיר).

(שמואל זרח שפאצירט איין מאהל הין אונד הער, בלייבט פליצלונג שטיין אין דער מיט זאל מיטין געזיכט צום גלאזונע טיר. מאיר קומט פון איר אריין געקליידעט וויא איין וואיענע ארצט).

פירדטער אויפטריט

מאיר אונד דיא פאריגע אהן דוד וועלוולין.

מאיר (בלייבט שטיין נעבין טיר קוקט אויף שמואל זרחין) גוטען מארגין!

שמואל זרח (בלייבט שטיין נענין אים אוים געצויגען, חאפט ארא[illegible] דאס היטעל, בעהאלט ביידע הענד אינטער זיך פרעגט ציטערענד :) צו וועמין דארף דער הער?

מאיר

מאיר (געהט צו נעהענטער, מיט א קליינעם שמייכיל) איר קענט אן טהון דאס היטעל.

שמואל זרח (אין דער פאריגער פאזע) אבער זאגט שוין צו וועהמין דארפט איר?

מאיר, טהוט אן דאס היטעל, וואס ציטערט איר אזוי איך בין דאך ניט קיין בער!

שמואל זרח (טהוט אן דאס היטעל) נוא לאם איך שוין הערין צוא וועהמין איר דארפט?

מאיר (שמייכלענד) איך דארף צו רעב שמואל זרח פיינהאלץ.

פראדיל (שטעלט זיך אויף) פינסטער איז מיר! צו וואס דארף ער דיך?

מאיר (גיבט אויף איר א קוק מיט האס אונד פעראכטונג).

שמואל זרח, נוא איך בין דאס, וואס ווילט איר דען פון מיר?

מאיר (געהט צו צו אים, שמייכלענד:) איך וויל צו אייך זיך דערקענין!

שמואל זרח, מיט מיר זיך דערקענין? וואס פאר א מחותן זענט איר דען מיט מיר?

מאיר (שמייכלענד) איך בין אייך גאר ניט בעקאנט?

שמואל זרח (קוקט אין דער זייט, ניט אויף אים) וויא קומט איר מיר בעקאנט צו זיין?

מאיר (נעהמט אים אן פאר איין האנד) אבער קוקט נור אויף מיר, פילייכט בין איך אייך יא בעקאנט?

שמואל זרח (קוקט אויף אים, נאך א קורצע פויזע) ווייס איך? עפים יא בעקאנט, אונ ניט בעקאנט (קוקט אוועק) ניין! איר זענט מיר גאר ניט בעקאנט!

מאיר (האלט אים ביא דער האנד, שרייט אוים) פאטיר! צו דערקענסטו שוין ניט דיין זאהן מאיר?

שמואל זרח (צו שראקין) הא? דוא ביזט מאיר?

מאיר (וויל אים ארום נעהמין צו קושען) איך בין דיין זאהן!

שמואל זרח (לאזט זיך ניט קושין! וויל פון אים לויז ווערין:) דוא ביזט נאך מיין זאהן? וויא אזוי?

מאיר (צו שראקין) פאטיר! וואס איז דאס פאר א פראגע?

שמואל זרח, ביזט דען נאך א יוד?

מאיר, פאר וואס זאל איך דען ניט זיין מער קיין יוד? ווער לאזט מיר ניט?

שמואל

שמואל זרח, סטייטש! דוא געהסט דאך עפיס גאר וויא א גענעראל?

מאיר. איך בין א וואיעגע דאקטאר דער פאר געה איך אין א פארמע אבער מיין הערץ איז יעדאך גאנץ מיט אונזער יודענטהום! איך בין יודע וויא געוועזן!

שמואל זרח (הייבט דיא הענד אין דער הייך) געלויבט ביזטו גאט! (נעהמט אים ארום) מאיר בני בכורי! מיין עלצטער זאהן! מיין טרייסט, מיין לעבין! (קושט אים).

מאיר (קושט אים אויך) מיין טהייערער פאטער! מיין ליכט, מיין לעבין! (לאזט אים לויז).

שמואל זרח (וויינענד) א מיין טהייערער זאהן! איך האב שוין מער ניט געדענקט אז איך זאל דיך נאך א מאהל זעהן פאר מיין לעבין! וויא גליקליך איך בין אז איך זעה דיר אצונד פאר מיר, אין אזוי פיל גדולה. אונ מיט א יודעש הערץ! זאג מיר מיין קינד וויא אזוי ביזטו געווארין א וואיעני דאקטאר, אונ פאר וואס האסטו צעהן יאהר דורך איינאנד זיך ניט געלאזט הערין צו מיר?

מאיר, איך וועל דאס דיר שפעטיר דער ציילען פאטיר, יעצט בין איך מיעד פון וועג!

פראדיל (לויפט צו, צו מאירין, מיט חניפה) וואס פאר א שטיק האלץ איך בין? אז איך האב שוין ניט דערקענט מיין מאירלין! (שפרייט אויס דיא הענד, וויל מיט אים זיך צו קושען).

מאיר (דרעהט זיך פון איר האלב אוועק לאזט זיך ניט קושען).

פראדיל (האלב בעליידיגט) מיט א מומע? מאירל! מיט א מומע ווילסטו זיך ניט צו קושען?

מאיר (קוקט צום פאטיר, איך קוש ניט מיט קיין פרויען!

פראדיל, סטאטש מיט מיר ווילסטו זיך ניט צו קושען? מיט מיר וואס איך האב דיר געהאלטין א מאהל אזוי טרייא וויא א אייגען קינד מיינס!...

מאיר, אך מומעניו דער מאנט מיר ניט איך בעט אייך דאס ווארט; "א מאהל"! ווארין איך דער מאן מיך אין דיא א מאהליגע צרות וואס איך בין פון אייך אויס געשטאנען! (געהט מיטין פאטיר צו צום טיש).

פראדיל (דרעהט זיך ברוגז פון אים אוועק זעצט זיך אויף איר ארט).

עזוד וועלוויל קומט אריין דורכין זייטין טיר):

פינפטער אויפטריט

דוד וועלוויל אונד דיא פארינגע

דוד וועלוויל (רעדט צום פאטיר, שטייהענד נעבין אים אונ קוקט אויף מאירין): טאטי! איך האב מיר געקויפט דרייא גרויסע בייגעל אונ אויף גיגעסין, איך בין שוין מער נים הונגעריג.

מאיר (קוקט אויף אים, פרעגט דעם פאטער) איא פאטיר מיר שיינט אז ער איז דוד וועלוויל?

דוד וועלוויל, פון וואנען ווייסט איר אז איך הייס דוד וועלוויל?

שמואל זרח (צו דוד וועלוולין) ער איז דיין ברודער מאיר;

דוד וועלוויל (צו מאירין) אזוי? דוא ביזט מיין ברודר מאיר? טאקי גוט!..

מאיר נעהמט אים ארום,ביידע צו קושען זיך. שמואל זרח זעצט זיך אויף איין שטול וועלכע שטייט אויבין אן צום לינקען זייט, נעבין פראדלין, אונ קוקט צום גלאוונים טיר, מאיר זעצט זיך נעבין אים אויף דער צווייטע שטול. דוד וועלוויל לאזט זיך געהן צום גלאווני טיר, אונ בעגעגענט יאזעפין אריין קומען, געקליידעט אין איין יעווראפייעשין קאסטיום מיט א רונדע שליאפע).

זעכסטער אויפטריט

יאזעף אונד דיא פארינגע.

יאזעף (שטעלט נור דעם ערשטין שפאן אויף דער שוועל).

דוד וועלוויל (בעגעגענט אים מיט א געשרייא, קערט זיך אום צוריק שרייהענד): געוואלד! געוואלד! דער מת איז געקומען! טאטי! ראטעווע! אוי! איך האב מורא! געוואלד! (לויפט אונטערין טיש, בלייבט דארטין ליגען).

פראדיל (דער זעהט יאזעפין שטיין נעבין טיר, שטעלט זיך אויף שרייט): ראטעוועט יודען! גוואלד דער מת איז דא (לויפט אב דורכין זייטין טיר).

זיבענטער אויפטריט

דיא פארינגע אהן פראדלין.

שמואל זרח (זיצענד אויף זיין ארט, דער זעהט יאזעפין, גיבט זיך א שטארקין

א שטארקן וואָרף, שרייט: שמע ישראל! (וויל אויפשטיין צום אנטלויפן)

מאיר (האלט אים איין): גאטט איז מיט דיר! פאר וועהמין שרעקסטו זיך פאטער?

יאזעף (בלייבט שטיין צו טומעלט נעבן מיר קוקט אונמוטהיג אויפן פאטיר).

שמואל זרח (געבט א קוק אויף יאזעפין, פערשטעלט זיך באלד מיט איין האנד דיא אויגען): שטאמטש דוא פרעגסט נאך? זעהסט דאך אז דער מת איז געקומען צו אונז אין שבת אביין!

דוד וועלוויל (לויפט ארויס פון זיין ארט, שטעלט זיך גענגן יאזעפין נים ווייט פון טיש, האלט ביידע ציצית גענגן אים, וואַרפט מיט זיא אין דער הייך שרייט צו אים): געה געה דוא מת! געה אין דיין רוהע אביין! דא זעגען ניטא דיינע לייט! מיר געהען אלע אין פיר ציצית אונ דוא נור דרייא!...

יאזעף (שווייבערט, לאזט זיך געהן, בלייבט באלד שטיין אלס דוד וועלוויל אנטלויפט).

דוד וועלוויל (לויפט צום פאטיר שרייט): אוי טאטי! ער קען מאכן לאבין אויך!.. (קוקט אויף יאזעפין וועלכער לאזט זיך געהן צו אים): אוי אט געהט ער! טאטי! איך האב מורא! טרייב אים ארויס! (גראבט זיך איין אין פאטיר).

שמואל זרח (שרייט צו יאזעפין): געה אין דיין רוהע אביין! דא איז נים מער דיין ארט!

מאיר (שטעהט אויף, צום פאטיר) אום גאטעס ווילען פאטער, ער לעבט דאך! ווארום מאכסטו אים פאר א מת? (געהט צו צו יאזעפין, געהמט אים געארעמט, געהט מיט אים צום טיש).

דוד וועלוויל. טאטי! איך האב מורא! (אנטלויפט צום זייטן מיר, בלייבט שטייט).

שמואל זרח (שטעלט זיך אויף) הוא אלקים! (לויפט אוועק פון טיש, האלט דיא ציצית אין דיא הענד, קוקט אויף אים מיט גרויסע אויגען, ציטערט).

יאזעף (צום פאטיר, מיט א שמערצפאלען טאן): א פאטער פאטער! פאר וועהמין שרעקסטו זיך?

דוד וועלוויל, אוי טאטי זעה נור! דער מת קען מאכן רעדין אויך!..

שמואל זרח, שטאמטש איך זאל מיר נים שרעקין! דוא ביזט שוין פון דרייא חדשים געשטארבין. פליצלונג קומסטו גאר צו

מיר אין שטוב אריין !

דוד וועלוויל (ווארפט מיט דיא ציצית) גנעה גנעה ! אין דיין רוהע אריין !

יאזעף (צום פאטיר) ווער האט עס אייך געזאגט אז איך בין געשטארבין ?

שמואל זרח. שטייטש ווער ? יאנקעל האט צוריק געבראכט דיי געלד מיט דיינע זאכין פון וועג, אונ ערציילט אונז אז ער מיט דיין שותף האבין דיך געטראפין ליגען אין וואלד א דערשאסענים. האבין זייא דיך אריין געבראכט אין שטאט אונ מקבר געוועזן. נוא דארף איך נאך א בעסערין בעוויז האבין אויף דיין טוידט ?

יאזעף (חאפט זיך אן פארין קאפ) וואס הער איך ? יאנקיל האט צוריק געבראכט מיין געלד ?

דוד וועלוויל. דארפסט דאס אפשר האבין אויף יענער וועלט? גנעה זשע זאג דער מומין וועט זיא דיר דאס אפ געבין !..

(פראדיל ווייזט זיך אויף דער זייטין טיר שרייט אויס: גוואלד ! דער מת איז נאך דא ! אונד לויפט אב)

יאזעף (שרייט אויס) גרויסער גאט ! וואס איז דא פאר איין אינטריגע געשעהען וואס אלע מאכין מיך פאר א מת. אפילו מיין אייגענער פאטער וויל מיך פאר א געשטארבינעם זעהן ! (צום פאטער) א פאטער ! וועט דיר דען גוט זיין אז איך זאל אזוי יונג אב שטארבין פון דער וועלט ? אונ נאך ביי דיין לעבין !

שמואל זרח (גיבט א פאטש מיט ביידע הענד) גוואלד וועל איך שרייען וואס טהוט זיך דא מיט מיר ? איך ווייס אז ער איז געשטארבין, אונ צום סוף זעה איך דאך פארט אז ער לעבט ! וויא בין איך דא אין דער וועלט הא ?

יאזעף (געהט צו אים צו) מען האט דיך גענארט פאטער ! מייגע אייגעני מערדיר וועלכע האבין אויף מיר געשאסין. האבין דאס אויס געטראכט אז זייא האבין מיך געפונגען א טוידטען אונ האבין מיך מקבר געוועזן ! כדי זייא זאלין ארויס ריין פון דער רציחה. קוק זיך צו פאטער ! (ער רוקט זיך צו אים צו נעהענטער. שמואל זרח רוקט זיך אב פון אים) זעה, דיין יאזעף לעבט !

שמואל זרח (פער וואונדערט) שטאטש, איז דאך אין דיא צווייען דיא קשיא! פאר וואס האבין זייא אויף דיר געשאסין, זייא זענען דאך גאנץ ארענטליכע לייט? אונ אז דוא ביזט יא ניט געשאסין געווארין פאר וואס ביזטו ניט געקומען באלד צו אונז ? וואס האסטו זיך געפים גאר דער מאנט אין אונז ערשט אין חדשים ארום. הא ?

יאזעף , אט הער אויס פאטער וועל איך דיר דער ציילען דיא גאנצע געשיכטע, יאנקיל מיט מיין שותף זענען געוועזן ביידע אפ גירעדט אז מען זאל מיך שיקען פאר וואס ? ווייס איך שוין יעצט ניט איך האב ביז איצט געדענקט אז איבער מיינע טויזענד רובל איז דאס אזוי געוועזן , אבער דוא זאגסט אז יאנקיל האט דאס אויך צוריק געבראכט , דא האבין שוין דיא מערדיר געמוזט האבין איין אנדער אויס זיכט אויף מיין טוידט ווארשיינליך ! דער שותף האט אויף מיר אויס געשאסין , אבער ער האט מיר נור שווער געראנעט , אונ אויף מיין גליק איז אן געקומען מיין ברודער מאיר (ווייזט אויף אים , יעניר געהט צוא) אונ האט מיך געבראכט צו זיך אין ביאלאסטאק אונ דארטין בין איך ביי אים געוועזן 3 חדשים אונ ער האט מיר , דורך זיינע גרויסע קענטניסע אין דער מעדעצינע , געזונד געמאכט (נעהמט מאירן ארום) דיר מיין ברודער האב איך מיין יעצטיג לעבין צו פערדאנקין !

שמואל זרח , ברוך מחיה מתים ! (האפט יאזעפין ארום) יוסף חי ! מיין גליק איז יעצט זייער גרויס ! איך דאנק דיר גאטט ! איך קאן שוין אצונד רוהעג שטארבין ! אין איין טאג האב איך ביידע קינדער געפונען ! (קושט אים) מיין טהייערער יוסף ! מיין ליב קינד ! איך קאן אצונד זאגין יעקבס ווערטער אויף דיר ! ראות פניך לא פללתי , איך האב שוין מער ניט געטראכט דיך צו זעהן , האט מיר גאטט געהאלפין אז איך זעה נאך דיין ברודער אויך ! (קושט מאירן אויך) .

יאזעף (צו דוד וועלווילין , רופט אים) קום הער דוד וועלווילע , וואס שרעקסטו זיך פאר מיר ?

דוד וועלוויל (געהט לאנגזאם) דוא געהסט ניט אין תכריכים ? . . . (אלע דרייא פערזאנען לאכין) .

יאזעף (שטעלט זיך געגין אים , צו נעהמט זיין ראק :) זעה , האב איך דען תכריכים אויף זיך ?

דוד וועלוויל (לאכט , לויפט צו אים צוא) .

יאזעף (גאבערעם אז ער האט זיך מיט אים צו קושט) זאג מיר דוד וועלווילע וואס מאכט מיין הדסה ?

דוד וועלוויל , זיא איז איצטער אזוי ארעם אזש סכנות ! זיא וואוינט אין א פיצעלי שטיבעלי אזש !

יאזעף (גיבט זיך א חאפ פאר'ן קאפ) גאטט מיינער ! דרויף איז זיא שוין איבער געקומען אין אזא קורצע צייט ? וויא זענען דיא טויזענד רובל וואס יאנקיל האט צוריק געבראכט ? וויא איז איר צירונג ,

איהרע

אירע מלבושים , און אזא טהייער מעביל ?

שמואל זרח (לאזט אראפ דעם קאפ און זיפצט).

דוד וועלוויל (רייסט יאזעפין פאר איין ארביל) וויא איך בין א ייד יאזעף אז איך בין ניט שולדיג! לאם איך קרענקען. לאם איך א מיתה משונה איין נעהמין דא באלד אויף דעם ארט אויב איך בין שולדיג!...

יאזעף מיט מאירין, אין וואס ביזטו ניט שולדיג?

דוד וועלוויל (גלעט יאזעפין מיט ביידע הענד) אוי אויף מיינע הייליגע נאמנות אז איך בין ניט שולדיג! דיא טויטע מאקי האט מיר אן גירעדט!...

יאזעף מיט מאירין, וואס זשי האט זיא דיר אן גירעדט?

דוד וועלוויל. זיא האט מיר אן גירעדט.... אבער זאג יאזעף א יא איך בין ניט שולדיג?...

יאזעף מיט מאירין, אבער זאג דאך שוין וואס האט זיא דיר אן גירעדט?

דוד וועלוויל , זיא האט מיר אן גירעדט אז איך זאל הדסהן ניט געבין קיין חליצה ביז זיא וועט מיר ניט אוועק געבין דיא טויזענד קערבליך מיט דעם גאנצין צירונג.

יאזעף (מיט שוידער) הדסה האט שוין גענומען חליצה?

שמואל זרח, אוודאי האט זיא געמוזט נעהמין חליצה. זיא האט דאך קיין קינד מיט דיר געהאט!

יאזעף (צו דוד וועלוולין, מיט האס) נוא האסט געפאלגט און איר אפ געראבעוועט?

דוד וועלוויל (וויינט) וואס זשי האב איך גיקענט טהון? אז דיא טויטע האט מיר איין גירעדט אז זיא וועט מיך שטענדיג ליב האבין און וועט מיר געבין א שיינע כלה מיט א סך נדן, נוא וואס זשי בין איך שולדיג? אז זיא וועט דיר אזוי איין רעדין, וועסטו איר דען ניט פאלגען?...

יאזעף (צום פאטיר) און דוא פאטער האסט דער לאזט אזא טיראנסטווע אויף טהון פון דיין פרוי, און קינד?

שמואל זרח , גאטט איז מיין עדות אז איך האב אין דעם קיין טהייל נים ; איך האב געשריגען ; דוד וועלוויל זאלסט ביא איר גאר ניט נעהמין פאר חליצה געבין! האט ער אבער בעסיר געהערט דיא טויטען איידער א טאטין צו הערין, וואס זשי האב איך געקענט טהון

מיטן מיט דעם עקשן ! איך האב געמיינט אפשר וועט ער נאכדעם מיר געבין דאס געלד מיטין צירונג צו בעהאלטין, וועל איך דאס תיכף הדכהן צוריק געבין, אבער צום אונגליק האט דאס פראדיל בייא אים באלד צו גענומען. אונ בייא איר דאס אפ געהמין האב איך שוין ניט געקאנט!

דוד וועלוויל (צום פאטער) איך זאל אזוי לעבין מאטי אז איך האב שוין דיך געוואלט פאלגען אונ איר געבין אומזיסט דיא חליצה, נור דיא מומע האט מיר אבער אלע מאהל געצויגען בייא ארבע כנפות, אז איך זאל דיך ניט פאלגען, נוא האב איך מאכי דיר ניט געפאלגט!

יאזעף (מיט היץ) איך לויף צו מיין פרוי! (דרעהט זיך אויס צום גלאווני מיר) לאם איך זיא חאטש זעהן! זיא זיצט אוודאי פון מאנגע טעג אהן א שטיקעל ברויט גאר! (וויל געהן).

מאיר (האלט אים איין) אום גאטעס ווילען יאזעף זאלסט נאך ניט געהן! דוא וועסט איר איבער שרעקין מיט דיין פלוצליכען אן קומען צו איר! זאל דער פאטער צו איר פריער א בריעף שיקען אונ איר אן מעלדין אז דוא קומסט באלד צו פארין וועט זיא דיר גאנץ רוהיג בעגעגנען.

שמואל זרח (צו יאזעפין) יא יא מיין קינד, ער האט רעכט, וואנסט קען זיא פון שרעק חלילה אויס געהן! מאהלט דעך אז איך בין א מאנס פערזאן אונ אסאך עלטער פון איר, האב איך זיך דער שראקין, בפרט א יודענע נאך?

מאיר. איידער מע וועט דעם בריף שרייבען וועלין מיר פריער געהמין צו ביסלעך בראנפין!

שמואל זרח. אוודאי אוודאי קומט אצונד פון מיר בראנפין אז גאטט האט מיר אויף אזוי פיל אויס געהאלפין היינטיגען טאג! איך וועל נאך אם ירצה השם מאכין א סעודה פאר גאר אונזערע ליעבע! (צו דוד וועלוולין) געה דוד וועלוויל אריין אין זאל אונ ברענג אהער בראנפין מיט לעקעך! (טופעט מיט איין פוס) אונ פרעהליך זאלין מיר זיין!

דוד וועלוויל (לאכט, געהט אב דורכין גלאווני מיר.)

אכטער אויפטריט

דיא פאריגע אהן דוד וועלוויל.

(אלע דרייא פערזאנען געהן צוא צום טיש, שמואל זרח שטעלט א שטול אויבין אן רעכטס זעצט זיך דרויף, מאיר זעצט זיך אויף דער צווייטער שטול וועלכע שטייט נעבין טיש אין דער מיט צום פובליקום, יאזעף זעצט זיך אויף דער דריטער שטול נעבין מאירין לינקס, אונטער געשפארט מיט ביידע הענד דעם קאפ, פערטראכט).

שמואל זרח (צו מאירין) זאג מיר דעם אמת מאיריל, דוא ראיבערסט שוין היינט ניט קיין פאפיראסין אום שבת?

מאיר, גלויב מיר פאטערשי אז איך ראיבער אפילו אים דער וואכין אויך ניט, אונ איך האב גאר קיין מאהל ניט דעם לוסט געהאט צו רייכערין!

שמואל זרח, פאר וואס זשי האט פראדיל דענסט מאהל געפונען אין דיינע שבתדיגע הויזען א פעקיל טאבאק מיט שוועבעליך?

מאיר, אונ ווער קען דאס ניט פערשטיין אז דאס האט זיא מיר אליין אונטער געווארפין כדי דוא זאלסט מיך ארויס יאגען פון דער שטוב? צו דען קאנסטו נאך ניט אויף איר דאס גלויבען? מיר דוכט אז פון דער יעצטיגער חליצה אליין דארפסטו שוין פערשטיין וואס פאר א צדקניות דאס איז!..

שמואל זרח (מיט א זיפץ) גירעכט מיין קינד! (דוד וועלוויל קומט אריין דורכין גלאווני טיר מיט א טאץ, דרויף שטעהט א פלעשיל בראנפין, מיט דרייא זילבערנע בעכערלאך אונד א שאל מיט לעקעך).

ניינטער אויפטריט

דוד וועלוויל אונד דיא פאריגע.

דוד וועלוויל (שטעלט דיא טאץ אויפין טיש).

מאיר (צו אים) ברענג אריין א טינט אונ פעדער אויך

דוד וועלוויל (אב דורכין פאריגען ארויס גאנג).

צעהנטער אויפטריט

דיא פאריגע אהן דוד וועלוולין.

שמואל זרח (נאכדעם אלם ער האט אן געגאסין אלע דרייא כוסות נוא קינדערליך ! אצונד זאלין מיר אונז משמח זיין ! (צו יאזעפין) אונ דוא יוספיל, האסט זיך גאר ניט וואס צו זארגען, הדסהן האסטו צוריק פאר דיין פרויי, אונ דיין געלד מיט דעם צירונג וועסטו אויך אפ געהמין, אפילו פא זאקאני קומט דאס דיר, בפרט פראדיל וועט גאר אזוי שלעכט זיך ניט וועלין ווייזין אונ וועט דאס דיר אפ געבין מיט גוטין וויגען, (הייבט זיין כוס אין דער הייך) לחיים קינדערליך ! (טרינקט אוים.

מאיר מיט יאזעפין (נעהמין זייערי כוסות אין דיא הענד) לחיים פאטער ! גאטט זאל געבין אז דוא זאלסט זעהן ביי דיינע קינדער נור שמחות ! (טרינקען.

שמואל זרח (גיסט אן אלע כוסות נאכמאלם, עסט לעקעך) אמן ! וכן יהי רצון ! טרינקט זשי מיט מיר ווייטער קינדערליך ! (ער טרינקט.

מאיר מיט יאזעפין (נעמין דיא כוסות צום מויל, שטעלין באלד אוועק, עסין לעקעך, פראדיל קומט אריין דורכין זייטין טיר.

עלפטער אויפטריט

פראדיל אונד דיא פאריגע.

פראדיל (שטייט געבין מיר מיטין פנים צו דיא פערזאנען :) אלדע בייזע חלומות צו מיינע שונאים קעפ ! זייא טרינקען גאר בראנפין מיט אים !

שמואל זרח (גיסט זיך אן נאך א כוס, נעהמט טרינקען :) פרעהליך זאלין מיר זיין !

יאזעף (צו פראדלין) קומט הער מומעניו וועט איר אויך טרינקען !

פראדיל דוא לעבסט טאקי יוספיל •

יאזעף, מיינע שונאים להכעים וועל איך אם ירצה השם טאקי לעבין !

פראדיל (לויפט צו אים צוא, קושט אים) געלויבט ביזטו גאטט !

שמואל זרח (גיסט זיך נאכמאלם אן, טרינקט :) להיים קינדערלאך ! איך זעה אז איר טרינקט ניט. טרינק איך אייער חלק אוים

אוים, נור שרעקט אייך ניט קינדערליך, איך האב א גאנצען פאדרוואל מיט בראנפין נאך, עס וועט פאר אייערט וועגין זיין גענוג, טרינקט אונ ניט געזארגט! (קלאפט מיטין פוס) אונ פרעהליך זאלין מיר זיין!
(דוד וועלוויל קומט אריין דורכין גלאזוני טיר מיט א טינט אונ פעדער).

צוועלפטער אויפטריט

דוד וועלוויל אונד דיא פאריגע

דוד וועלוויל (שטעלט נעבין מאירין טינט אונ פעדער. קוקט צוא פראדלין ברוגז:) אט איז זיא מאקי געקומען! (צו יאזעפין) זעהסט יאזעף, מאקי זיא האט מיר אן גירעדט אז איך זאל אפ ראבעווען הדסהן!

פראדיל (האלב רויט, צו אים) א דוא ליגנער! איך האב דיר אן גירעט זאגסטו נאך? איך?...

דוד וועלוויל (חאפט זיך אן פארין קאפ) אוי וועה איז מיר! פאר אזוי פיל מענשין אין דיא אויגען וויל זיא מיר לייקענען!

פראדיל מיט כעס צו אים) ביזט אליין א ליגנער דוא שגץ איינער!

יאזעף (צו דוד וועלוולין) וואס האסטו פאר נומען בייא הדסהן?

דוד וועלוויל, מאקי טויזענד קערבליך מיט צוויא פושקעליך צירונג, נור וויא איך בין א יוד אז איך האב דאס גאר אפילו ניט אין זינען געהאט צו נעהמין בייא איר, האט זיא (ווייזט אויף פראדלין) האט מיר אבער אן גירעדט אז איך זאל בייא איר דאס נעהמין.

פראדיל, ביזט א ליגנער איך האב דיר ניט אן גירעדט!

דוד וועלוויל, אוי וועה! איך וועל אייך......

יאזעף (שלאגט אים איבער) אונ וויא האסטו דאס אהין געטהון?

דוד וועלוויל, מאקי זיא דיא מומע האט דאס בייא מיר באלד צו גענומען דער מאמי ווייסט אויך דער פון, (צום פאטיר) א יא טאטע?

שמואל זרח (גיסט זיך אן א כוס, נעמט צום מויל) לחיים קינדערליך! (טרינקט).

פראדיל, נוא וואס איז דאס פאר א משל? האסט מיר געבעטין, איך זאל דאס דיר בעהאלטין האב איך דיר צו ליב געטהון, אבער זאג ניט אז איך בין דער חייב אין דעם!

דוד וועלוויל (וויינענד, רייבט זיך בייא דיא פאות) וועה איז מיר, איך

איך וועל מיר אזש שטעבין פאר כעס! וויא קען א מענש זאגין אזא ליגען הא? (צו איר מיט גרעסטין כעס) הערט איר מומע. אז איר וועט זיך ניט מודה זיין וועל איך אייך אזש רופען אין אלע גאסין ליגנערטע! און ליגנערטע!

יאזעף (צו פראדלין) מילא דיא אלע זאכין לאמיר א וועק לעגין, צוא איר האט אים יא אן גירעדט, צו ניט אן גירעדט וויל איך דאס אצונד גאר ניט וויסען. איר מומעניו זייט זיך מטריח און טראגט מיר אריין דאס געלד מיט דעם צירונג וואס ער האט אייך גיגעבין. ווארין דאס איז מיינס! איר זעהט, דאך אז איך לעב אלזא גיהערט דאס צוא מיר!

פראדיל (אראפ געלאזין דיא נאז) נוא נוא איך וועל דאס דיר אפ געבין.

יאזעף. גיין מאכי שוין! זאגסט מעלדע איך דאס אן דיא ריכטער וועלין זייא אייך פערסודען אויף א יאהר אין אסטראג צו זיצען!

פראדיל (דרעהט זיך אום צום גלאוונע טיר) שא שא! נא דיר דאס אפ און שטראשע מיר ניט מיטין אסטראג! לאזין מיינע שונאים דארטין זיצען, ניט איך! (אב דורכין גלאוונע טיר).

דרייצעהנטער אויפטריט

דיא פאריגע אהן פראדלין.

דוד וועלוויל (שטעלט זיך נעבין מאירין).

מאיר (צום פאטער) נוא פאטער וועסטו שרייבין צו הדסהן א בריוועלע?

שמואל זרח (נעהמט דאס פלעשיל אין האנד) איך בין דיר מוחל דיא ארבעט, שרייב דוא דעם בריעף און איך וועל טרינקען בראנפין (גיסט זיך אן א כוס).

מאיר, אבער חתמינען דרויף וועסט זיך.

שמואל זרח (טרינקט) אך מיט דעם שענסטין צוק אפילו!

מאיר (נעמט ארויס פון טאש א וועכסעל, זעצט זיך אויף דעם שרייבין).

דוד וועלוויל (צו מאירין שטיל) זעה נור מאיר מיר דוכט זיך אז דאס איז גאר א וועכסעל?

מאיר, הער און זעה און שווייג וועסטו זיין א וואויל ייִנגעלע!

דוד וועלוויל, נוא נוא וועל איך מאכי שווייגען.

יאזעף (זיצט אונטער געשפארט מיט ביידע הענד דעם קאפ פֿערזארגט).

שמואל

שמואל זרח (שטייט אויף פון ארט, פאלט פון דיא פיס) אט אצונד ווייס איך אז איך בין פרעהליך! (שפאנט איבער דער סצענע וויא א שכורער) אט דאס הייסט פרעהליך! וואס דען? אז מען לעבט זאל מען לעבין! (ער קומט צו צו יאזעפין, קושט אים) דוא ביזט מיר א בן פורת יוסף! געלעבט זאל זיין! ניט געזארגט! (געהט צו צו מאירין וויל אים אויך קושען).

מאיר (מיט איין האנד פארשטעלט ער דאס וועכסעל, מיט דער צווייטער האנד לאזט ער אים ניט צו צו זיך,) דוא וועסט מיר אונטער שלאגין פאטער!

שמואל זרח, שלאגין וועל איך נאר דיך? הא! נאריש קינד! איך וויל דיך קושען ניט שלאגין! (וויל אים קושען).

דוד וועלוויל (לאכט).

מאיר (לאזט אים ניט) ניין פאטיר, איך זאג אז דוא וועסט מיר דעם שרייבען אונטער שלאגין!

שמואל זרח, אונ איך וועל טאקי האבין רעכט! וואס איז אצונד פאר א שרייבען גאר? אצונד דארפין מיר פרעהליך זיין! (קלאפט מיטין פוס) פרעהליך זאלין מיר זיין!

מאיר, נוא דער פאר שרייב איך דאך צו הדסהן, אז זיא זאל אונז העלפין פרעהליך זיין!

דוד וועלוויל (קוועטשט זיך דיא באקין, שטיקט זיך פון געלעכטער).

שמואל זרח (דרעהט פון אים זיך אב) הא! צו הדסהן? יא יא גירעכט מיין קינד שרייב צו איר! (שפאנט שיכערער היים איבער דער סצענע בלייבט שטיין גאנץ נאהענט צום פובליקום היירעט זיך פון דיא פיס, קנאקט מיט איין פינגער, שמייכעלט זינגט דעם ליעד:)

ווער איז גלייך צו מיר
אצונדערט אויף דער וועלט
איך בין דאך רייכער פונים נגיד
וואס פערמאגט מיליארדין געלד.

גרוים איז יעצט מיין גליק
גרוים אהן א שיעור
אז איך האב שוין צוריק
מיינע פערלוירענע קינדער בייא מיר

אין פריידען בין איך אריין
דער טרויער איז אוועק מיטין רויך
(קלאפט מיטין פיס) פרעהליך לאם איך זשי זיין
(טאנצט) אונ טאנצין מעג איך אויך!

מאיר (צו שמואל זרחין) פאטער! דער בריעף איז שוין פערטיג, גיעה שרייב זיך אונטער!

שמואל זרח (געהט צו אים, שאקעלט זיך פון די פיס) פרעהליך זאלין מיר זיין! (בלייבט שטיין נעבין טיש, מאיר גיבט אים די פען אין האנד, שטעלט זיך אויף פאר שטעלט מיט איין האנד דאס וועכסיל, שמואל זרח זעצט זיך.)

מאיר (ווייזט אים מיט דער צווייטער האנד אויף אונטען וויא ער זאל זיך אונטער שרייבען:) אט דא פאטער שרייב זיך אונטער, נעמט אוועק די האנד.

שמואל זרח, וואס זשי זאל איך שרייבען?

מאיר, נור דיין נאמין מיט דיין פאמיליע.

שמואל זרח (לאכט) אט דאס איז גאר? (שרייבט) אויך מיר א וואזשנע זאך! (לעגט אוועק די פען שטייט אויף) אט האב איך שוין אפ געשריבען, אונ דול מיר מער קיין קאפ ניט מיט שרייבעכצין!

דוד וועלוויל (שמיקט זיך פון גילעכטיר).

מאיר (נעמט צו זיך דאס וועכסיל, ווייזט אים א צייכען צום שווייגען).

דוד וועלוויל (קוועצט זיך די באקין) יא יא איך שווייג!

שמואל זרח (צו אים) דוא שווייגסט זאגסטו? אוי וועל איך דיר געבין! (שטראשעט אים מיט איין פינגער) פרעהליך דארף מען זיין הערסטו צו גיין?

דוד וועלוויל (פלאצט ארוים מיט א גרוים געלעכטער).

שמואל זרח (געהט פון אים אוועק, קנאקט מיטין פינגער) יא יא אט אזוי מיין איך! פרעהליך אונ לעבעדיג! שפאצירט איבער דער סצענע, פראדיל קומט אריין דורכין גלאווני טיר מיט א פאק פאזיטען אונ צווייא שעכטעליך צירונג)

פירצעהנטער אויפטריט

פראדיל אונד דיא פאריגע

פראדיל (געהט צו, צו יאזעפין) נא דיר יוספיל אפ דיינם, אונ וויים
אז

אז איך בין דיר מַדייא, איך האָב נים געוואָלט פערלאַנגען ביינס וואָס אַ האָר האָט דיא ווערטה, (גיבּט דאָס איהם אָפּ).

יאָזעף (נאָכדעם אַלס ער האָט איבּער געציילט דיא פּאָזיטען, אונ געפינט דיא שאַבּמאָלין, האָט ער זייא אַריין געלייגט אין זיין הויזען טאַש): יאַ מיט אייער טרייהייט צו מיר בין איך שוין לאַנג איבּער צייגט געוואָרין!

מאיר (צום פּאָטיר) טאַטי, דוא ווייסט אויף וואָס דוא האָסט זיך אונטער געשריבּען?

שמואל זרח (דרעהט זיך אוים מיטין פּנים צו איהם) אַז הבּרכה זאָל אונז העלפין פרעהליך זיין!...

דוד וועלוויל (צו לאַכט זיך גאַנץ הויך).

מאיר. גיין פּאָטיר, דוא האָסט זיך אונטער געשריבּען אויף אַ וועקסיל אַז דוא ביזט מיר שולדיג 10 טויזענד רובּיל! (ווייזט אין דער הויך דאָס וועקסיל): אָט איז דאָס וועקסיל!

פראַדיל (כאַפּט זיך אָן פאַרין קאָפּ) פינסטער איז מיר! וויסט איז מיר!

שמואל זרח (לאַכט) מיין גאַנץ פאַרמעג טרעפט ניט אָן אַזוי פיל! אפילו האַלב אויך ניט!

מאיר, דאָס האַרט מיך ווייניג, איך וועל בייא דיר צו נעהמין אַפילו דיא לעצטי קישענס וואָס דוא האָסט! (לעגט אַריין אין טאַש דאָס וועקסיל).

פראַדיל (כאַפּט זיך אָן פאַרין קאָפּ לויפט צום זייטין טיר) גוואַלד! איך האַלט דאָס ניט אויס!

שמואל זרח (געהט צו, צו איהם) אַ טאַטין טהוט מען אַזוי? אויף דרויף ביזטו צו מיר געקומען אַז דוא זאָלסט מיך אויף מיין עלטער פאַר איין בעטליר מאַכין? אי פע! אַזאַ נבלה האָט נאָך קיין קינד ניט געטהון אַ טאַטין!

מאיר. אונ איך וועל דאָס אויך ניט טהון! דיך פאַר איין בעטלער חלילה מאַכין וועל איך קיין מאָהל ניט טהון פאַר קערט, איך וועל דיך אַריין נעמען אין מיין וואוינונג וואָס איך וועל זיך אָפּ קלייבּין, אונ וועל דיר פערשאַפין אַ שיין מעבּלירטען צימער, בייא מיין טיש וועסטו עסין אונ וועל דיר עהרליך האַלטין וויא אַ טאַטין קומט. נור פראַדיל זאָל מער פאַר אונזערי אויגען ניט קומען.

שמואל זרח (נאָך אַ קורצע פויזע) טאַ! זאָל זיין אַזוי!

דוד וועלוויל (רייסט מאַידין ביים אַרבּיל) אונ מיר מאיר? מיר וועסטו

טאַקי

מאכי אויך מיט נעמין?

מאיר. דוא וועסט אויך זיין ביא אונז, נור דער טומען (קוקט צו איר) שטופ איך ארוים נאך היינטיגען טאג פון דאנען! איך בין שוין דא בעל הבית אונ ניט דער פאטער! הייבט זיך אויף פון ארט, יאזעף טהוט אים נאך.

פראדיל (שטעלט זיך געגין אים) וועה איז מיר! ווינד איז מיר! וואס האסטו צו מיר ראזבוינים אייגער! וואס האב איך דיר אזוינס געטהון וואס דוא מאכסט אין איין מינוט מיך אזוי אונגליקליך?

מאיר (שטעלט זיך געגין איר. מאכט מיט איין האנד) דער פאר וואס איהר האט מיר אמאהל אן געטהון גרויסע צרות, דער פאר וואס איר האט דויד וועלוולין קיין עסין ניט געוואלט געבין, אונ דער פאר וואס איר האט אים אן גירעדט אז ער זאל מיין שוועגערין אפ ראבעוועון פאר חליצה געבין! (דרעהט זיך פון איר אוועק.

דויד וועלוויל (רייבט זיך מיט איר מיט דיא פינגער) א מצוה א מצוה! איך קוועל, איך קוועל! איך האב א נקמה!

פראדיל (צום מאנן) שמואל זרח! וואס שווייגסטו? דוא וועסט לאזין דעם כל בוניק מיך ארוים טרייבען?

שמואל זרח (הייבט מיט דיא אקסלען) מילא! איך קען דיא וועלט ניט פערזארגען! ער וויל אזוי, וואס פאר א דאגה מיר איז? זאל זיין אזוי! (געהט איבער דער סצענע קנאקט מיטין פינגער) אונ פרעהליך זאלין מיר זיין!..

פראדיל (צום מאנן) שטייטש ער וויל אזוי? עס איז הפקר א וועלט? געה מעלד דאס אן אין סוד, עס איז דאך א ריינע אבמאנסטווע! אן שכורין א טאטין אונ ארוים נארין זיין חתימה אויף א וועכסיל פון 10000 רוביל? וואס הייסט דאס הא?

שמואל זרח (שטעלט זיך געגין איר) אוודאי ביזטו גירעכט! צעהן יאהר אז איך האב ניט געזעהן מיין קינד אונ אצונד אז ער איז צו מיר יא געקומען ווילסטו גאר אז איך זאל אים אין אסטראג אריין ווארפין? וואס מיינסטו? איך זאל האבין דייז הארץ וואלט איך דאס מאכי געדארפט טהון!

מאיר (לאכט. צום פאטער) קום פאטער צו הדסהן! (ער געהט צוא דער גלאוונער טיר, יאזעף מיט דויד וועלוולין געהען אים נאך.

פראדיל (צו מאירין שרייט) איך וועל ניט שווייגען! ניט מיין דוא כל בוניק אז דאס וועט דיר אזוי אפ געהן! איך וועל לויפען צו

גאטשאלסמוויע

נאטשאלסטווע, וועל זייא דער ציילן דיין מאשענסטווע ׃ איך וועל דיר
אין אסטראג אריין ווארפין ׃

מאיר (שטעהט בייא דער טיר, דרעהט זיך אוים מיטן פנים צו איר:)
איר מעגט שוין אפילו לויפען צום מיניסטער אליין הארט מיך
אויך ניט ׃ (געהט אב נאך אים יאזעף, דוד וועלוויל אונד שמואל זרח).

פינפצעהנטער אויפטריט

פראדיל זעלבסט.

פראדיל (געהט הין אונד הער, ברעכט מיט דיא הענד, רעדט מיט
א ניגון וויא מען בעקלאגט א טוידטין:) וועה איז מיר ׃ וויסט
איז מיר ׃ נאך וואס האב איך נאך געדארפט אפ געבין דעם ממזר דאס
געלד מיט דעם צירונג. אמער וואלט דאס מיר אצונדערט אין מיינע
נויטהען געשטאנען ׃ (וויינט) אז איך בין אזוי עלענד, אזוי פרעמד ׃
פערוויסט איז מיין וועלט געווארין ׃ צו וועהמין זאל איך מיך קערין?
צו וועהמין זאל איך מיך ווענדין? אז אזעלכי כלבים, כל בויניקעס,
טרייפהנע העלדזער, ממזרים, שלאטאנעס האבין מיר אזוי אונגליקליך
געמאכט ׃ ניתייא וואלטין זייא אוים געחאפט געווארין דארטין וויא זייא
זיינען ערגיץ געוועזן אין דער ערד, ניחייא וואלטין זייא הענד אונ פיס
געבראכין פריער איידער זייא זאלין א הער אן קומען ׃ (געהט צום
גלאווני טיר) עס העלפט ניט. איך מוז מיך אונטערלעגין אונטער זייא,
וועל זייא פאלין צו דיא פיס, אפשר ווערין זייא אויף מיר רחמנות האבין
דיא כלבים ׃ (אב) (דאס טישעל מיט דיא בייגק ווערין אב גענומען,
א טאבלע הייבט זיך אויף; עס ווערד פארגעשטעלט א קליין ארעם
שטיבעל, אין דער מיט א טיר, רעכטס בייא דער וואנד א פראסט
בעטיל מיט א ווייסען ליילעך פאר שפרייט, ווייטער פון דעם בעטיל,
א קליינער קאסטין, אין דער לינקער זייט א לאנגע באנק, געגין
פובקיקום שטייהען צווייא פראסטי שטולען ווייט אפ געריקט איינער
פון אנדערין, אויף איין שטול זיצט הדסה אן געצויגען אין איינפאכע
קליידער מיט א פראסט טיכיל פאר דעקט דעם קאפ, אלס דיא טאבלא
הייבט זיך אויף, זיצט זיא דיא הענד פערלייגט. דעם קאפ אראפ
געלאזין, נאכהער שאקעלט זיא מיט דעם קאפ. וויא זיא וואלט אויף
עמוואס קלאגען וועלין, ענדליך הייבט זיא דעם קאפ אויף, קוקט זיך
ארום מיט דעמוטהיגע בליקען אויף אלע פיר זייטי פון צימער, אונ

לאזט

לאזט ארויס א טיפען זיפץ.

זעכצעהנטער אויפטריט

הדסה זעלבסט.

הדסה (נאך א זיפץ, קוקט פערטראכט) אט דרויף בין איך איבער געקומען! פון רייכע געפוצטע זאלין אין וועלכען עס האבען געגלאנצט רייכטהום מיט פריידין צו זאמען, געפין איך מיך יעצט אין א קליין ארעם שטיבעלי וואס דער ארמוטה מיט דעם טרויער האבין זיך ביידע אין דעם באזעצט! מיט א זיפץ) א ווען איינער זאל מיר געווען דאמאלס זאגין ווען איך בין געוועזן אזוי גליקליך, אז שפעטיר מיט א דרייא מאנהייט וועל איך פערלירען מיין מאנן מיט מיין גאנץ ביסעל פארמעג און זיך געפינען אין דעם ארימען שטיבעלי אין דעם גרעסטין עלענד און טרויער? א געוויס וואלט איך אים ניט גלויבען וועלין! און ווער וואלט דאס יא אים גלויבען קענען? ווער זאל זיך ריכטען אויף אזא ביטערין אונגליק? (פויזע) יא פילע אונגליקען גיבען זיך אוים אויף דער וועלט! דאך דער גרעסטער אונד שאדליכסטער פון זייא אלע איז ניטא וויא א חלוצה צו זיין! דיא פירמע חלוצה שטעהט לייעדער בייא אונז יודען אין איין העכסטין מיאוסין גרוך, צוואר זיא איז א דין פון אונזער היילינגע תורה! דאך ערלויבט זיך דער יוד מיט איר צו מאכין איין ספעקולאציע. דער חלוץ, ניט קוקענדיג וואס ער טהוט א גרויסע מצוה דער מיט וואס ער איז מקיים דעם דין. דען ער רעכט דאך אויך 3 זעעלין דער מיט, זיך; דאס ער איז מקיים וואס דיא תורה הייסט אים און וועט דער פאר בעלוינט ווערין אויף יענער וועלט; דעם מת, דאס ער דארף מער ניט צו ליגען מיטין פנים אראפ אין קבר און ענדליך דיא אלמנה וואס זיא ווערד בעפרייט דורך דער חליצה און קען חתונה האבין, יעדאך וויל ער דיא דאזיגע מצוה ניט טהון ביז ער פריער בעראבעוועט פון דער אלמנה וואס זיא פערמאגט, און כמעט הירט מען ניט אז א חלוץ זאל חליצה געבין אהן געלד. ווארום קומט דאס אזוי? ווארום זאל ער זיך ניט באַרעכינען, אדער ווארום זאלין דאס אים אנדערי ניט אויף קלערין אז ער טהוט א מצוה הבא מידי עבירה! ער איז מקיים א מצוה פון תרי"ג מצות און בעראבעוועט פריער א וויסטע אלמנה! ווארום בייא אנדערי רעליגיאנע זאבין וועלכע יודען איםפאנגען באפעהען זייא ניט? צום בייספיל; אמהל.

ער

ער איז מלה א קינד ווארום פאדערט ער ביים בעל בריתניק קיין געלד ניט פאר דער מצוה? א חזן, ער איז מסדר קדושין, ווארום מאנט ער פריער פאר דער מצוה קיין לאהן ניט? וויפיל מען גיבט אים בעגנינט ער זיך. אונ וואס פאר איין אונגליק איז אויף דער וויסטער אלמנה אז זיא מוז בעצאהלין דעם חלוץ דווקא וויפיל ער וויל אידער ער איז מקים דעם דין פון חליצה? (פויזע) וואס האב איך דא פערזינדיגט? מיט וועלכין בין איך דא שולדיג, אז מיין מאנן איז יא געשטארבין אהן קינדער, צו דער פאר דארף מען מיר אזוי אפ ראבעווען? (שאקעלט מיטין קאפ) נאך אזוי ראבעווען! מיינע לעצטי טויזענד רוביל צו גענומען, מיט מיין גאנץ ביסעל צירונג אוועק גערויבט! איך האב געמיינט אז דער שווער וועט דאס מיר באלד צוריק געבין וויא ער האט מיר פערשפראכין, אבער צו מיין אונגליק האב איך מיך גענארט! דיא שטיפמוטער, דיא אומזיסטיגע פיינדין מיינע, האט דאס צו זיך גענומען. ביייא איר איז דאס פערבליבען! אונ איך האב געמוזט פארקויפען מיינע קליידער אונ מיין גאנץ מעבול אונ צו בעצאהלין פאר 3 חדשים דירה געלד וואס איך בין שולדיג געוועזן אונ זיך א העך איבער געקלויבען! 15 רוביל האט זיך מיר אפ גישטעלט פון מיין גאנץ גוטס, איך האב זייא שוין פערצערט זאגאר! נוא וואס טהוט מען יעצט? וויא נעהמט מען אויף ווייטער צו לעבין? (פויזע) הימעל אונד ערד איז אויף מיר געפאלין! דער גאנצער צארין גאטעס איז אויף מיר אוים געגאסין געווארין! עס טרעפט א מענשין דאס ער ווערד פער ארעמט, דאך איז זיין נאמין ניט פעראכט ביייא דער וועלט, אונ איך צו מיין אונגליק בין נאך מיט א פעראכטעטין נאמין געבליבען! איך הייס חלוצה! דער נאמין צווישען גרעסטין טהייל פון יודען איז זייער א העכליכער! מיט א חלוצה, זאגין זייא, איז ניט גוט התונה צו האבין; א חלוצה איז ניט מזלדיג צו פרנסה! ביייא א חלוצה פירט זיך קיין קינדער ניט! דיא חלוצה איז ביייא זייא פארעכינט פאר א פערפלוכטע בעשעפעניש! (שטייט אויף, זיפצט, שפאצירט איין מאהל הין אונד הער, בלייבט שטיין נאהענט צום פובליקום זינגט דעם ליעד:

פינסטער איז מיין וועלט
פערביטערט מיינע יונגע יאהרין
ארעם האב איך מיך אפ גישטעלט
וויל איך האב קיין קינד געבאהרען.

חליצה

חליצה נעהמין האב איך געבארפט,
א וויא ביטער דאס איז צו הערין!
דער חלוץ האט דיא ציין זיך געשארפט
ער וועט באלד איין עושר ווערין.

א וויא טיראניש ער האט מיך בעהאנדעלט
שטעניר פאר ברויט האט ער אפ גיגעבין
פון רייכטהום אויף ארמוטה האט ער מיך פערוואנדעלט
(שרייט) עס איז מיר שלעכט! ער האט פערביטערט מיין לעבין!

(זיא געהט צוריק, זעצט זיך אויף איר ארט, דיא הענד פארלעגט, דעם קאפ אראפ געלאזין, מלכה קומט אריין געקליידעט וויא אין ערשטין אקט).

זיבענצעהנטער אויפטריט

מלכה אונד דיא פאריגע פערזאן.

מלכה (אלס זיא זעצט זיך אויף דער צווייטער שטול) איר זענט נאך אלס פערזארגט בעל הביתטעניו?

הדסה (מאכט א וועק מיט איין האנד) לאז מיך! לאז מיך זארגען, זייא קענין מיר פיל העלפין!..

מלכה (קוקט אויף איר מיט ערשטוינונג) מיט וואס קענין אייך דיא זארגין העלפין?

הדסה, דער מיט וואס זייא וועלין מיך גיכער צום גרוב ברענגין!

מלכה, אך רעדט ניט פון טוידט בעל הביתטעניו! איר זענט נאך יונג איר וועט נאך אם ירצה השם גליקליך זיין.

הדסה (שאקעלט מיטין קאפ) יא אז איך וועל שטארבין!

מלכה, איר רעדט שוין ווידער פון טוידט! איך קען דאס ניט הערין פון אייך! איך מוז וויינען! (ווישט זיך דיא אויגען).

הדסה (קוקט אויף איר) פון וואס דען זאל איך רעדין? אז פון מיין פאריגען גליקליכען לעבין ווייס איך שוין ניט אונ איך קען דאס שוין ניט האפין צוריק צו האבין! (וויינענד) אז איך דער מאן מיך אין מיין טהייערין געליבטען מאנן, אין דעם אונשולדיגען יאזעף וויא ער איז נעביך גאר אונשולדיג געשאסין געווארין, אונ זיין איידלעס בלוט איז אויף דעם פעלד פערגאסען געווארין, וועלכעס האט נאכדעם געדינט פאר טהירען צום אן טרינקען זייא! (שרייט) א! דיזער שוידער האפטער

געדאנק

געדאַנקט פֿער קימערט שוין גאָר מיין לעבין! ער לאָזט מיך פון קיין אַנדער זאַך קלערין אָדער רעדין נור פון טוידט!

מַלְכָּה, איר מוזט אָבער אין אים שוין פאַרגעסין! דען איר קאָנט דאָך צוריק אים לעבענדיג ניט מאַכין!

הֲדַסָה, איך קאָנן אין אים ניט פאַרגעסין, צוואַר דיא וועלט זאָגט אַז וואָס דיא ערד דעקט צו ווערד פאַרגעסין, אָבער מיר שטעהט ער פאַר מיינע אויגען נאָך אימער!

מַלְכָּה, באַרעכינט אייך אָבער איר זענט נאָך אַ יונגע פרוי וועלכע דאַרף נאָך אַ מאַהל הייראַטען, וויא טאָרט איר זיך נעהמין אַזוי פיל צום הערצין!

הֲדַסָה, וויא קאָן איך דענקען צו הייראַטען אַז איך בין איין אָרימע אונד אונגליקליכע חלוצה! ווער וועט מיך נעהמין? קיין לייטעשיר מאַנן אַוודאי ניט, ווייל דיא גרעסטי מהייל פון אונז יודען זענען איין געבילדעט אַז מיט אַ חלוצה איז געפעהרליך צו הייראַטען, זיא איז דורך אוים שלימזל!...

מַלְכָּה (שמייכעלט) זעהט איר בעל הביתטעניו, צוואַר איר זענט ביא זיך אַזוי שוין געפאַלין, יעדאָך איז נאָך פעראַן אַ זעלכיר וואָס שלאָגט זיך אַליין אַן מיט אייך צו הייראַטען, אונ ער איז גראַדע אַ פיינער מענש אונ אַ רייכער דער צוא!

הֲדַסָה (קוקט אויף איר) ער איז מיר בעקאַנט?

מַלְכָּה, איר קענט אים זעהר, אונ ער קען אייך אויך, ער בעדויערט אייך זעהר אין אייערי יעצטיגע לאַגע. צוריק מיט אַ 3 טעג האָט ער מיך בעגעגענט אין גאַס אונ מיך געפרעגט וויא אייך געהט, איך האָב אים ערצעהלט וואָס מיט אייך געטראָפין האָט, אונ וויא פעראַרעמט איר זענט יעצט, ער האָט זיך דיא אויגען פון טרערין געווישט אַז איך האָב אים געשילדערט אייער לאַגע, נאַכדעם ביא מיינעם אַוועק געהן פון אים האָט ער מיר גיגעבין אַ פינף אונ צוואַנציגער אַז איך זאָל אייך איבער געבין, נור איך ווייס ניט פאַר וואָס איר האָט מיר געהייסין אַז איך זאָל דאָס אים צוריק אָפּ געבין?

הֲדַסָה, איך ווייס שוין וועהמין דוא מיינסט, דיזער איז באָריס וואַלדמאַן! ווער האָט דאָס דיר געזאָגט אַז ער וויל מיך פאַר אַ פרוי האָבין?

מַלְכָּה, יאַנקיל אייער געוועזעניר משרת האָט דאָס מיר געזאָגט, נור איך ווייס ניט פון וואַנען ווייסט ער דאָס? אפשר האָט ער דאָס געהערט

גֶעהֶערְט פוּן בָּארִיסֶען ? נוּר נַיין ! וִויא קוּמְט עֶר גָאר צוּ בָּארִיסִין ?

הֲדַסָּה (פֶערְטְרַאכְט זִיךְ , נַאכְהֶער מִיט אַ גֶעפַּאסְטִין מוּטְה) נַיין ! אִיךְ ווִיל נִיט זַיין גֶעלְד אוּנ אִיךְ ווִיל אִים אוֹיךְ נִיט ! אִיךְ זֶעה אִין אִים דֶער מֶערְדִיר פוּן מַיין מַאנְן ! מַיין הֶערְץ אִין מִיר קָאכְט וֶוען אִיךְ זַיין נָאמִין דֶער מָאן ! אִיךְ הָאבּ אִים נִיט גֶעלִיבְּט נָאךְ דַאמָאלְס וֶוען דוּרְךְ אִים הָאט מִיר קַיין בֵּייזֶעס גֶעטְרָאפִין, בִּפְרַט יֶעצְט, אַלְס דוּרְךְ אִים אִיז מִיר אַזַא בִּיטֶערִיר אוּנְגְלִיק גֶעקוּמֶען ! אָ ! הֶעטְטֶע עֶר נִיט גֶעמַאכְט קָאמְפַּאנְיֶע מִיט מַיין מַאנְן מֶאכְטֶע דִיזֶער דָאךְ וַוייטֶער גֶעלֶעבְּט !

מַלְכָּה, אִיר טָארְט אָבֶּער נִיט זָאגִין אַז דוּרְךְ אִים אִיז אַיֶיער מַאנְן גֶעשְׁטָארְבִּין, דָאס אִיז פוּן גָאטְט מוּזְט אִיר וִויסֶען , נוּר עֶר צוּ זַיין אוּנְגְלִיק הָאט גֶעדַארְפְט צוּ זַיין דֶער שָׁלִיחַ !

הֲדַסָּה , וִויא אַזוֹי דִיא זַאךְ אִיז שׁוֹין , אַבִּי מִיט דֶעם בָּארִיסֶען קֶען אִיךְ מִיךְ נִיט פֶער בִּינְדֶען !

מַלְכָּה, אִיר מוּזְט אָבֶּער בֶּעקֶענִין , אַז אַיֶיעְרִי גַאנְצֶע צוּקוּנְפְט הֶענְגְט אָפּ אִין דֶעם ! הָאט אִיר פַאר אִים חֲתוּנָה בְּלַייבְּט אִיר צוּרִיק בַּייא אַיֶיער פָארִיגֶען כָּבוֹד, ווִילְט אִיר אָבֶּער נִיט , זָא בֶּעהִיטֶע גָאטְט אוֹיף וָואס אִיר קֶענְט אִיבֶּער קוּמֶען ! אִיךְ ווִיל גָאר נִיט אַזוֹי פִיל אַרוֹיס רֶעדִין וִויפִיל אִיךְ פַארְשְׁטֶעה אוֹיף אַייךְ !

הֲדַסָּה, אִיךְ וֶועל לִיבֶּערְסְט פַאר אַ דִינְסְט אָנְקוּמֶען אוּנ מִיט אִים וֶועל אִיךְ נִיט הֵייַראטֶען ! (בָּארִיס קוּמְט אַרַיין גֶעקְלֵיידֶעט אִין טְרוֹיעֶר מִיט אַ הוֹיכִין שְׁוַוארְצִין הוּט) .

אַכְצֶעהְנְטֶער אוֹיפְטְרִיט

בָּארִיס אוּנְד דִיא פָארִיגֶע .

בָּארִיס (נֵייגְט זִיךְ הֶעפְלִיךְ פַאר הֲדַסָּהן , רֵייכְט אִיר זַיין הַאנְד) .

הֲדַסָּה (רֵייכְט אִים אִיר הַאנְד, עֶרְווִידֶערְט אִים קַאלְט , קוּקְט פֶערְטְרַאכְט).

בָּארִיס (בְּלָאזְט פוּן זִיךְ , שְׁפַּאצִירְט אַיין מָאהְל הִין אוּנְד הֶער) .

מַלְכָּה (שְׁטֶעהְט אוֹיף פוּן אָרְט , זָאגְט צוּ בָּארִיסֶען :) זִיצְט הֶער וַואלְדְמַאן ! (זִיא גֶעהְט אַבּ) .

נֵיינְצֶעהְנְטֶער אוֹיפְטְרִיט

דִיא פָארִיגֶע אָהְן מַלְכָּהן .

בָּארִיס (אַלְס עֶר זֶעצְט זִיךְ) אִיר זֶענְט נָאךְ אַלְס פֶערְזָארְגְט מַדַאם פַיינְהָלִץ ?

הדסה

הדסה (קוקט פערטראכט) פאר וואס זאל איך ניט זארגין, אז איך האב פון וואס צו זארגען! (זיפצט).

בארים (דרעהט זיך דיא וואנסין) גענונג שוין אייך אבער צו זארגען! איר זענט א שוואכע ווייבס פערזאן, איר פערוועלקט דער מיט אייער יוגענד!

הדסה, דעסטא בעסיר! איך וועל גיכער אלט ווערין, וועט מיר זיין נעהענטיר צום גראב!

בארים (מיט א פרומע מינע) איר טארט דאס ניט זאגין מאדאמע! דען עס וועט אויס ווייזען אז איר קריגט זעלבסט אויף דער פארזעהונג!

הדסה אונ וועלכע פרוי קאנן דאס ניט טהון ביי אזא שרעקליכען צופאל? בעדענקט נור; א יאהר נאך מיין הייראט איז, איך לעב מיר גליקליך מיט מיין מאנן, פליצלונג פארט ער אוועק, עס געהט איבער צווייא וואכין, אונ איך בעקום א ווייסטע בשורה פון אים אז ער איז געשאסין געווארין, אונ אויב דיזער אונגליק איז פאר מיר נאך וועניג, בעדארף איך נאך אן קומען צו מיין שוואגער נאך חליצה. אונ דורך דעם פאר ארעמט ווערין! נוא קאנן איך שוין צו פרידען זיין פון דעם שיקזאל וואס דיא פארזעהונג האט מיר גיגעבין?

בארים (נאך א קורצע פויזע) וואס אנבעלאנגט איז צו אייער זעליגען מאנן מוזט איר וויסען אז דער טוידט איז צו אים געקומען דורך גאטעס באפעהל אונ ניט דורך מענשליכען ווילען, דרום טארט איר אויף דער פארזעהונג ניט קריגען ווארין גאטעס אויג ווער דער בייא, ער האט געוואלט אז אייער מאנן זאל שטארבין דורך א קויל, האט ער דיא מענשין פאר זיינע שלוחים געמאכט זייא זאלין אויס פירען זיין ווילען, איי פאר וואס האט ער דאס געוואלט? דאס טארען מיר ניט פרעגין, ווארין ביי גאטט פרעגט מען קיין קשיות ניט, ער איז שטענדיג גערעכט וואס ער טהוט מיט אונז מענשין, אונ אלזא מוזט איר זיך לאזין טרייסטין, אונ ניט מער פערטרויערט זיין, איר האט בעוויינט אייער מאנן, א מאנהייט, אונ צווייא אונ דרייא גענוג! דען איר וועט דאך אים שוין לעבענדיג ניט מאכין, אונ וואס אנבעלאנגט איז צו אייער ארמוטה, זאלט איר דער פון גאר קיין יסורים ניט האבין. דען איר קענט אין דיא זעלבע מינוט אויף גירעכט ווערין ווען נור איר ווילט!...

הדסה (קוקט אראפ) איך האב מיך שוין פון לעבין לאנג מיאש געווען

אונ

אונ דריבער קימערט מיך דער ארמוטה מיינער גאר וועניג, איך
פערהאפ אים באלד פטור צו ווערין מיט מיין טוידט!

בארים, פון לעבין דארפט איר זיך ניט מיאש זיין, איר זענט נאך יונג.
איר געפינט אייך אין אייערי בעסטי פריהלינגס טאגע נאך
איר קענט נאך גליקליך מאכין א צווייטין פערזאן מיט אייער לעבין...

הדסה, וויא אזוי קען איך יענים גליקליך מאכין אז איך בין אליין
אונגליקליך?

בארים, אז איר וועט נור געבין אייער האנד דעם דאזיגען פערזאן
וועלכער ווינשט זיא פון לאנג צו רייכין צו זיך זענט איר ניט
מער אונגליקליך, אונ יענער איז פאלקאם גליקליך!....

הדסה, אך ניין! איך בין זיך מיאש פון א גליקליכען לעבין! אויף עוויג!
אויף עוויג בין איך אונגליקליך! (ווייגענד) א יאזעף יאזעף!
וויא גיך דוא ביזט ענטריסען געווארין פון מיר! וויא יונג דוא האסט
פערלאזין אזא ליכטיגע וועלט אונ גענידערט זא פריא אין דעם פינסטערין
קבר! (קוקט ארויף, שרייט) א! פערפלוכט פון גאטט זאל זיין דער
יעניגער וואס זיין קויל האט דיך געטראפין! (בארים הערינדיג אזעלכי
רייד שטייט ער אויף פון שטיל, שפאצירט הין אונד הער בעווייזט אין
דער זייט אונ צופרידענע גרימאסען.) ער זאל אויך מיט קיין נאטירליכין
טוידט ניט שטארבין וויא דוא מיין יאזעף! דיא נעמליכע קויל וועלכע
האט דיך געטראפין, זאל אים אויך טרעפין! זיין בלוט זאל וויא דיינעס
פערגאסין ווערין אויף דעם באדין אונד הינד זאלין דאס טרינקען!
(ווישט זיך אויס דיא אויגען).

בארים (זעצט זיך אויף זיין פאריגען ארט) איר רעדט קינדערש
מאדאמע פערצייהען זיא, פאר וואס זענט איר זיך מיאש פון
א גליקליכע צוקונפט? צו דען מיינט איר אז עס וועט זיך ניט מער
געפינען אזא מאנן וועלכער זאל אייך פערשטיין צו שעצין וויא אייער
יאזעף? אויב אזוי איר מיינט, קאן איך אייך בערוהיגין מאדאמע אונ
אייך פערזיכערין אז אזעלכיר איז נאך דא! אונ דיזער בין איך! (מיט
היץ, שטעלט זיך געגין איר) איך בין דער איינצעלנער פריינד אייעריר
וואס האב אייך פריער געליבט, וואס ליבט אייך יעצט, אונ וועל אייך
ליבען אונ שעצין אויף מיין גאנצען לעבין! איך וויל אייך גליקליך מאכין,
איך ביטטע טהייערי הדסה מאכט מיך אויך גליקליך! (זעצט זיך).

הדסה, איך דאנק אייך פון טיפען הערצין העררי וואלדמאן פיר אייער
פריינדשאפט צו מיר, אונ וואס עס אנבעלאנגט צו אייער

וואונש

וואונש מוז איך צו מיינעם גראססען לידוועזין אייך דעם צווייטין מאהל ענטזאגין !

באריס (מיט היץ) וויא ? איך יעצט ענטזאגט איר מיר ?

הדסה, לײדער יא !

באריס (נאך א קורצע פויזע, קוקט אויף איר) איך פערשטעה, איך ניט מאדאם, צו דען מיינט איר איין עוויגע ווימווע צו בלייבין ?

הדסה, ווען איך זאל דאס מיינען, וואלט איך דאך קיין חליצה גענומען, אונ פערשפארט אזוי פערארעמט ווערין !

באריס (קוקט אויף איר) פאר וואס זשי ווילט איר ניט מיינע פרוי ווערין ?

הדסה, פערצייהעט העדר וואלדמאן, איך מוז מיך פון איהנען ענטזאגען, וויל איך קאנן איהנען ניט ליבע

באריס, ווארום ? (קוקט אויף איר מיט צארין).

הדסה (ווארפט א בליק אויף אים) איך זייט נור ניט אזוי צארניג העדר וואלדמאן ! איר זענט דאך א מענש מיט פערשטאנד, אלזא דארפט איר אליין פערשטיין אז מיט געוואלד קען מען דיא ליבע אין הערצין ניט אריין נעהמין !

באריס (מיט א וויכע שטימע) טהייערי הדסה ! איך וויל ניט אז איר זאלט מיך מיט געוואלד ליבען, איך וויל אייערי ליבע צו מיר זאל זיין אויס גוטען ווילען, אונ ווירקליך האב איך דאס פערדינט, דען שוין צווייא יאהר זייט איך האב אייך דער קענט וויל איך פאר קיינע אנדערי הייראטען אבוואהל דורך מיין קאפיטאל אונ סאלידנעם לעבין וואלט איך געקענט קומען צו א גרויסען אונ פארנעהמטין שידוך אבער איך טהו דאס ניט, ווארין איך ליעב אייך מיט א וואהרע ליבע, איך בין צו אייך ערגעבין מיט קערפער אונד זעעלע ! אונד לאך אלזא פון דיא רייכסטע פרוי, פון דעם פארנעהמסטין שידוך, איר, צוואר איר זענט עלענד אונד ארעם, זענט איר יעדאך בייא מיר טהייעריר פון גאלד אונ בריליאנטען, טהייעריר פון דער גרעסטער יחסנטע, מיט איינעם ווארט, מיין ליבע צו אייך הייסט א פלאטאנישע ! (שטרעקט אויס צו איר זיין רעכטי האנד) א גיבט מיר אייער האנד טהייערי הדסה, איר וועט זיין גליקליך מיט אזא ליבע

הדסה, מערקווירדיג, איר האט אליין געזאגט אז איר ווילט ניט, איך זאל אייך מיט געוואלד ליבען, נוא צו וואס איז אייערי רייד ?

באריס, אבער האט דאך מיטלייד אויף מיר ליבע הדסה, שוין צווייא

יאהר

יאהר דאס איר לאזט מיך מיטשען מיט דעם פלאם פון ליבע, איינע גענען ליבע צו בעקומען! צוויא יאהר דאס איר האט געמאכט איין פרעמדין אלס בעהערשיר צו אייער הערץ אונ מיר האט איר געלאזט אין א קוואל פון מוטשעניע זיין! אונ יעצט? א יעצט אלס אייער הערץ איזט שאן יא בעפרייט פון איר הערשער, האט אויך מיר מיטלייד איידלע פרוי. מאכט מיר פאר דעם הערשער!

הדסה (שווייגט, קוקט אוועק פון אים.

באריס (נאך א קורצע פויזע) הדסה! א טהייערי ליבע הדסה! ווארום שווייגט איר? ווארום ענפערט איר מיר ניט? צו דען איז אייך גוט צו זעהן מיך מיטשען? צו דען קאנט איר זיצען רוהיג אין דער צייט ווען אין מיר קאכט אונ זידט מיין בלוט?

הדסה, אין געגענטהייל, מיר שמערצט זעהר אייך צו זעהן אין דער לאגע, אבער צום אונגליק קאן איך אייך ניט ארויס העלפין פון איר!

באריס, דאס הייסט אז איר ווילט מיך טאקי ניט מאכין פאר דעם הערשיר פון אייער הערץ?

הדסה (אראפ געלאזט דעם קאפ) לײדער, אזוי איזט דאס.

באריס (נעהמט ארויס א רעוואלווער פון טאש, שטעלט זיך אויף מיט דעם רעוואלווער אין האנד געגין הדסהן) נאך אייןווארט הדסה קען אייך ענטוועדיר אויף עוויג גליקליך מאכין אדער פערקערט!

הדסה (שטעלט זיך אויף, לויפט צום טיר שרייט) גאט! רעטע מיך! (אב.

20 טער אויפטריט

באריס זעלבסט.

באריס (אלס הדסה האט זיך געלאזט לויפען צום טיר איז ער איר נאך געלאפין א פאר שפאן, אונ אלס זיא איז פון אים פערשווינדען געווארין, קערט ער זיך צוריק אום, אונ שפאצירט האסטיג איבערין סצענע ארום, רעדט צו זיך זעלבסט, וועהרענד ער לעגט דעם רעוואלווער אין טאש אריין :) איז זיא פון מיר אנטלאפין, אבער פון טוידט וועט זיא ניט אנטלויפען! איך האב געשאסין יאזעפין נור דער פאר דאס איך זאל זיא בעזיצען, נור קוים ענטזאגט זיא זיך פון מיר זאל זיא אויך געשאסין ווערין אום קיין אנדעריר אויסער מיך זאל זיא בעזיצען! וויל צו געהן צום טיר. יאנקיל קומט אריין געקליידעט

וויא

וויא אין ערשטען אקט

21 טער אויפטריט

יאנקיל אונד דער פאטער

יאנקיל (מיט א שמייכיל:) א! איך האב אייך קוים געשאפט.

בארים (אין דער זייט) דער גראביר יונג רעכינט מיך שוין פאר א חבר זיינים! (הויך) נוא וואס דארפסטו מיך?

יאנקיל, וואס הייסט? איך דארף געלד!

בארים (מיט כעס) וואס איז פאר א געלד ווייטער? הא.

יאנקיל (מיט א פינסטערין שמייכיל) שטאטש איר ווייסט גאר ניט? איר זענט דאך מיר שולדיג נאך פיר הונדערט רוביל?

בארים, האסט א וועכסיל?

יאנקיל, איך האב נאך בעסירים פון א וועכסיל.

בארים, נוא וואס האסטו אויף מיר?

יאנקיל, איך האב אייך אליין אין דער האנד!

בארים, וואס קענסטו מיר דען טהון?

יאנקיל, וואס הייסט? איך וועל אוים זאגין אז איר האט......

בארים (שלאגט אים איבער) א דוא בויערשי קאפף! אז דוא וועסט אוים זאג... איך דיך גלייך מיט מיר אין אסטראג אריין! האסטו פאר?עסן אז דוא ביזט אויך געוועזען דער בייא? אונ האסט מיר זאגאר דיא עצה גיגעבין אז איך זאל אים שיסען?

יאנקיל, איך קען זיך גאר אפ לייקענין דער פון! אונ אויף אייך ארויף לעגין דעם גאנצין קלאץ!

בארים, דומער יונג! דאס איינעני קען איך זיך אויך טהון! אונ מיר וועט מען גיכער גלויבען וויא דיר, דען איך אויף מיינעם פיינעם אוים זעהן אונ גרויסען פאר מעגין בין ניט ספאסאבנע אזא פארברעך צו טהון, אבער דוא אין לומפען קליידער אונ גראבין אוים זעהן ביזטו יא ספאסאבנע דיזעס צו טהון, וועלין אלע דיך רעכנען פאר דעם מערדיר, אונ איך וועל ארוים ריין!

יאנקיל (קראצט זיך אין קאפ) אבער אז איך וועל שווייגען וועט איר מיר אפ געבין דאס געלד:

באריס (שפאצירט) אז דוא וועסט שווייגען וועל איך דיר אפ געבין דיין געלד.

יאנקיל (געהט אים נאך) ווען זשי וועט איר מיר געבין?

באריס (שטעלט זיך געגין אים) וואס האסטו אזוי קיין צייט ניט, דער וייל האב איך דיר הונדערט רוביל שוין גיגעבין, אונ נאך הונדערט וועל איך דיר איין אנדערס מאהל געבין!

יאנקיל (מיט היץ) וואס רעדט איר וואלדמאן? גאטט איז מיט אייך! עס קומט מיר פיר הונדערט רוביל ניט קיין הונדערט!

באריס, פאר וואס קומט דיר פיר הונדערט רוביל?

יאנקיל, שטאטש, מיר האבין דאך אזוי אפ גירעדט אז הונדערט דארפט איר מיר געבין ווען איך וועל אן זאגין הדסהן פון יאזעפס טוידט, אונ דרייא הונדערט, ווען זיא וועט איין ווילינגען מיט אייך חתונה צו האבין!

באריס, אז דוא האסט יא א קאפ אויף זיך אונ געדענקסט, קומט דיר טאקי ניט מער וויא הונדערט רוביל, וואריין הדסה וויל מיך ניט פאר איר מאנן האבין.

יאנקיל (קראצט זיך אין קאפ) אי אי אי! שלעכט! איך בין דאך גאר אוים גישטעלט! (א קורצע פויזע, קוקט מיך אין באריס געזיכט) איר נארט מיך ניט הערר וואלדמאן?

באריס (מיט כעס) א דוא פארך איינער! מיינסט אז איך בין דיין גלייכען? אקאמפאניאן דיינער? (שטופט אים מיט איין האנד פון זיך) אובירייסא איק טשערטוא מערזאוועץ! (דרעהט זיך פון אים אב, שפאצירט).

יאנקיל (שפרינגט אונטער געגין אים, מיט חניפה) פערצייהעט הערר וואלדמאן, איך האב מיך פארגעסין אונ א נארישקייט אוים גירעדט.

באריס, האסט פארגעסין אונ מיך פאר דיין גלייכין גירעכינט? וואן פון מיינע אויגען דיא מינוט!

יאנקיל (קוקט אים אן א פאר זעקונדען) וואס זשע, איר זענט טאקי אויף דעם רעכטין אמת אין כעס אויף מיר? ווייסט איר זשע וואס? גיט מיר אפ מיינע הונדערט רוביל וועלין מיר ווערין אוים מחותנים!

באריס, איך האב דיר שוין איין מאהל געזאגט אז איך האב יעצט קיין געלד ניט, איך וועל דיר איין אנדערס מאהל אפ געבין אונ ווער אוים מחותן מיט מיר! (שפאצירט).

יאנקיל (געהט אים נאך) ניין, איך וויל אז איר זאלט מיר אים שוין געבין

געבין! איך האב אייך געוואַרט דרייא חדשים געננג! איך קען מער ניט וואַרטין!

באריס (שטעלט זיך אפּ נעבין בעט) אַז דוא וועסט זיין אַ שנין וועסטו דאך גאר ניט האבין!

יאַנקיל, וועל איך אויס זאגין!

באריס, האב איך דאך שוין איין מאהל דיר געוויזען וואס דיר וועט דער פון אַרויס קומען!

יאַנקיל, ניין, איך וועל זיך מודה זיין אַז מיר זענען ביידע שולדיג, ווערין מיר ביידע אַוועק געהן קאַטאַרזשנע!

באריס, האב איך דאך אָבער געלד קען איך מיך פון קאַטאַרזשנע בעפרייען אָבער דוא אָרימער יונג וועסט פייגערין אַ קאַטאַרזשניק!

יאַנקיל (קראַצט זיך אין קאפּ, בלייבט שטיין אין אַ ווינקעל ניט ווייט פון טיר, עס קומען אַריין יאָזעף, שמואל זרח, מאיר, און דוד וועלוויל).

22 טער אויפטריט

יאָזעף. שמואל זרח. מאיר. דוד וועלוויל אונד דיא פאריגע.

יאָזעף (קומט פריער אַריין, קוקט צום לינקען זייט. צו דער לאַנגער באַנק, צו דיא צווייא שטולען, גיבט זיך אַ חאפּ פאַרין קאפּ בלייבט שטיין אויף דער שוועל מיט דעם פּנים צום לינקס, שרייט:) אַ גאַטט גרויסער! אַט אין דעם אָרימען שטיבעלי וואוינט מיין טהייער הדסה (ווייזט אויף דיא שטולען) אַט דאס איז איר מעביל? (ברעכט מיט דיא הענד) אַ פינסטער איז מיר און ביטטער! דיא אײדעלע הדסה זאל שוין אַזוי אונגליקליך זיין? (דיא דרייא פערזאָנען זיינע קומען אַן שטעלין זיך אינטער אים, ער הייבט דיא הענד אין דער הויך:) אַ גאַטט גרויסער! רייטזעלהאַפט זינד דיינע ווערק! אין איין מינוט הייבסטו דעם מענשין ביז צום הימעל, אונד אין איין מינוט וואַרפסטו אים ביז צום באָדין!

יאַנקיל (לויפט אונטער, שטעלט זיך געגין אים, קוקט אים אין פּנים טרעט צוריק, שרייט שרעקליך:) גוואַלד! גוואַלד! דער טוידטער איז געקומען! ראַטעוועט!

יאזעף (געהט צו אים) הא! מעדריר! ביזט דא! (פאקט אים פארין האלדז:) יעצט זאלסטו דיין סוף האבין! (האלט אים שטארק.

יאנקיל (ציטערט, שרייט מיט אלע כוחות) גוואלד! דער מת ווערגט מיך! ראטעוועט יודען! (קוקט צו דיא 3 פערזאנען וועלכע זיינען אריין געקומען מיט יאזעפין.

בארים (שטעלט זיך געגין יאזעפין נור ווייט) יאזעף! דוא לעבסט נאך? (בלייבט שטיין צו טומעלט.

יאזעף (בליקענד אויף אים) גאטט! וואס זעה איך? דער מעדריר איז דא? (צו מאירין, ווייזענדיג אויף יאנקלין) האלט אים דער וויל דעם ערשטין מעדריר אונ לאם איך מיך געהן אפ רעכענען מיט מיין צווייטין מעדריר!

מאיר (נעהמט ביא אים צו יאנקלין האלט אים פעסט.

יאזעף (האפט בארימין פארין האלדז) האב איך דיך געפאקט מעדריר! יעצט זאל איך אין דיר ראכע נעהמין!

בארים, נור מיט מיין טוידט! (שטופט אים האסטיג אפ פון זיך, ער פאלט נעבין דער טיר, בארים לויפט צו צום בעט, האפט ארויס זיין רעוואלווער, פון טאש שיסט זיך אוים פאלט טוידט.

מאיר (גיט איבער יאנקלין שמואל זרחין, אונ לויפט צו, צו בארימין.

מאיר (בייגט זיך צו אים צו קוקט אויף אים) ער איז געשאסין אויף טוידט!

שמואל זרח, ברוך דיין האמת

דוד וועלוויל, א שיינע אונ ריינע כפרה!

יאזעף, פאר כל ישראל!

יאנקיל (וויינענד) לאזט מיך אפ, איך בין גאר ניט שולדיג

יאזעף (נעמט אים איבער) זאג הונד פאר וואס האט בארים אויף מיר געשאסין אין וואלד?

יאנקיל (וויינענד) כדי ער זאל חתונה האבין מיט אייער פרוי, נוא לאזט זשי מיך אפ וויא איך בין א יוד אז איך בין אין דעם גאר ניט שולדיג!

יאזעף, מיט מיין פרוי חתונה האבין? נוא יעצט איז מיר שוין גאר ניט קשה!

יאנקיל, נוא לאזט זשי מיך אפ!

יאזעף, דיך אפ לאזין? גיין הונד! דוא ביזט געוועזן איין האנד מיט אים!

יאנקיל, איך האב דעז געשאסין אויף אייך?

יאזעף, אונ אז דוא ביזט בעשטאנען אז ער זאל מיך שיסען איז שוין גוט? (געהט מיט אים צום בעטיל) אט דא זיץ הונד נעבין דיין חבר דעם מערדיר ביז איך וועל ברענגין פאליציא! (ער זעצט אים אויף דעם בעטיל נעבין באריסין. יאנקיל פאר שטעלט מיט ביידע הענד דיא אויגען וויינט).

יאזעף (קוקט זיך ארום אויף אלע פיר זייטין) מיין גאטט! וויא זשי איז מיין הדסה? פאר וואס זעה איך איר ניט? (געהט צום טיר).

מאיר (פארעט זיך נעבין באריסין).

שמואל זרח (זעצט זיך אויף דעם קאסטין, דוד וועלוויל געבין אים). (אלס יאזעף קומט צו צום טיר קומט אים אנטגעגין אריין פריער הדסה נאך איר מלכה.

23 טער אויפטריט

הדסה. מלכה אונד דיא פאריגע.

הדסה (געבין טיר מיטין פנים צו יאזעפין) מיין גאטט! צו איז שוין מיין אונגליק אזוי גרויס אז מיינע אייגענע געדאנקין זאלין מיך שרעקין?

יאזעף (געהט צו איר) איך לעב טהייערי הדסה! ניט שרעק זיך (האלדזט איר) א מיין טהייערי פרוי!

הדסה (מיט שרעק) יאזעף! דוא לעבסט?

יאזעף, יא מיינע טהייערי איך לעב, אונ מיין מערדיר איז שוין טוידט!

הדסה (האלדזט אים אויך) גאטט! איך בין גליקליך! מיין יאזעפין האב איך ווידער ביא זיך!

מלכה (טרעט אריין, דער זעהט יאזעפין שרייט:) שמע ישראל!

הדסה (געהט צו איר צו, נעמט איר פארין האנד) שרעק זיך ניט טהייערי מלכה יאזעף איז ניט געשטארבין, ער לעבט גאטט זייא דאנק! (געהט מיט איר צו יאזעפין).

מלכה (צו יאזעפין) דער הערר מיינער לעבט? געלויבט ביזטו גאטט! (קושט אים דיא האנד) איר בלייבט ווייטער מיין הערר אונ איך אייער דינסט! (ווישט זיך דיא אויגען).

יָאזֶעף (רֵייכְט איר דִיא הַאנְד) נַיין לִיבֶּעס מֶעדְכֶען, קַיין דִינְסְט זָאלְסְטוּ מֶער שׁוין נִיט זַיין, אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבִּין גֶעלְד זָאלְסְט הֵייבַּאטֶען אונ זֶעלְבְּסְט ווירְטְהֶען !

מַלְכָּה (קוּשְׁט אִים נַאכְמַאלְס דִיא הַאנְד) אִיךְ דַאנְק אַייךְ מַיין הֶערְר פִיר אַייֶער גוּטֶעס הֶערְץ !

יָאזֶעף גֶעמְט הֲדַסָהן פַארין הַאנְד, פִירְט איר צוּ צוּם בֶּעטִיל ווַייזְט אִיר אָן אויף דִיא צְווייא פֶּערְזָאנֶען, מַלְכָּה גֶעהְט אוּנְטֶער.)

יָאזֶעף (צוּ הֲדַסָהן) אָט דֶער וָואס לִיגְט פַאר דַיינֶע פִים וַואר מַיין מֶערְדִיר וָואס הָאט אויף מִיר גֶעשָׁאסִין אִין וַואלְד כְּדֵי עֶר זָאל מִיט דִיר קֶענִין חֲתוּנָה הָאבִּין, אונ יֶעצְט אַלְס עֶר הָאט מִיךְ דֶער זֶעהְן הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיין דֶערְשָׁאסִין, אונ דֶער וָואס זִיצְט אויפִין בֶּעטִיל וַואר מִיט אִים אֵיין הַאנְד אויף דֶעם מָארְדְטְהַאט !

הֲדַסָה מִיט מַלְכָּהן בֵּייגֶען זִיךְ אַרָאפּ קוּקֶען אויף בָּארִיסִין.

מַלְכָּה, בָּארִים וַואלְדְמַאן !

הֲדַסָה (צוּ יָאזֶעפִין) גָאטְט ! בָּארִים וַואר דַיין מֶערְדִיר ? (קוּקְט אַרוֹיף) אִיךְ דַאנְק דִיר הֶערְר גָאטְט וָואס דוּא הָאסְט צוּ גִיהֶערְט יֶעצְט מַיין גֶעבֶּעט ! אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטִין אַז דֶער מֶערְדִיר דַיינֶער זָאל אויךְ מִיט אַזַא טוֹידְט שְׁטַארְבִּין ! (צוּ יַאנְקְלִין) אונ דוּא יַאנְקִיל הָאסְט גֶעהַאט אַ טְהֵייל אִין דֶעם מֶערְדֶערַייא אונ צוּם סוֹף בִּיזְטוּ נָאךְ גֶעקוּמֶען צוּ מִיר מִיט אַרַחֲמָנוּת פְּנִימוֹל אונ מִיר אָן גֶעזָאגְט אַז יָאזֶעף אִיז טוֹידְט ?

שְׁמוּאֵל זֶרַח (גֶעהְט צוּ, צוּ יָאזֶעפִין) שְׁטַאטְש זָאלְסְט גֶעוֶוען זֶעהְן וִויא עֶר הָאט זִיךְ נָאךְ גֶערִיסֶען בַּייא דִיא הָאר אונ גֶעווֵיינְט וִויא אַ קְלֵיין קִינְד וֶוען עֶר הָאט מִיר אָן גֶעזָאגְט פוּן דַיין טוֹידְט !

יָאזֶעף (צוּ הֲדַסָהן) אָ הֲדַסָה ! הָאסְט מִיר זֵייעֶר קְלוּג גֶעזָאגְט אַמָאהְל אַז עֶס גֶעבִּין אויף דֶער וֶועלְט פִילֶע מֶענְשִׁין מִיט פְרוּמֶע נַארוּזְשְׁנָאסְטִין אונ מִיט אִינֶערְלִיכֶע מֶערְדֶערִישֶׁע גֶעדַאנְקִין. פוּן אַ זֶעלְכִין סָארְט זֶעהְן מִיר יֶעצְט דִיא צְווייא פֶּערְזָאנֶען ! (ווַייזְט אויף בָּארִיסֶען מִיט יַאנְקְלִין).

הֲדַסָה, דוּא ווַייסְט מַיין מַאנְן אַז דַיין מֶערְדִיר הָאט מִיךְ יֶעצְט אויךְ גֶעווָאלְט שִׁיסֶען ? עֶר הָאט גֶעווָאלְט אַז אִיךְ זָאל אִים מַיין הַאנְד גֶעבִּין צוּ הֵייבַּאטֶען מִיט אִים, אונ אִיךְ הָאבּ אִים עֶנְטְזָאגְט !

יָאזֶעף, דָאס אִיז אויךְ פוּן גָאטְט. אַז עֶר זָאל אַהֶער קוּמֶען, דִיךְ שִׁיסֶען וֶועלִין, דוּא זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפִין, אִיךְ זָאל אָן קוּמֶע

אונ

אוּנ עֶר זָאל זִיךְ אַלֵיין שִׁיסֶען, אוּם גָאטְט זָאל אִים בֶּעצָאהְלִין מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה !

הֲדַסָה, וֶוער זָשֵׁי אִיז דַיין רֶעטֶער גֶעוֶוען מַיין טְהַייֶערִיר ?

יָאזֶעף (פִירְט צוּ מֵאִירִין צוּ אִיר) אָט דִיזֶען מַאן הָאסְטוּ הֲדַסָה מַיין יֶעצְטִיג לֶעבִּין צוּ פֶערְדַאנְקִין ! דִיזֶער אִיז מַיין בְּרוּדֶער מֵאִיר וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט דִיר פִיל מָאהְל גֶעשְׁפְּרָאכִין פוּן אִים. עֶר וַואר מַיין רֶעטֶער !

הֲדַסָה (רֵייכְט מֵאִירִין דִיא הַאנְד) וִויא גְלִיקְלִיךְ אִיךְ בִּין מִיט אַזַא טְהַייֶערִין שְׁוָואגִיר ! אִיר הָאט גֶערֶעטֶעט מַיין מַאנְן פוּן טוֹידְט אוּנ מִיךְ פוּן בִּיטֶערִי אוּנְגְלִיקֶען !

מֵאִיר (קְוֶועטְשְׁט אִירֶע הַאנְד) אוּנ אִיךְ בִּין גְלִיקְלִיךְ מִיט אַזַא לִיבֶּע שְׁוֶועגֶערִין, וֶועלְכֶע פֶערְדִינְט מַיין וָואלְטְהַאט פִיר זַייא ! (מַאכְט לוֹיז אִירֶע הַאנְד).

הֲדַסָה (גִיבְּט אַ קוּק אוֹיף דָוִד וֶועלְווִלִין, וֶוענְדֶעט זִיךְ צוּ יָאזֶעפִין:) אָט אִיז עֶר דָא דֶער תַּכְשִׁיט וָואס הָאט מִיךְ אָפּ גֶערַאבֶּעוֶועט ! יָאזֶעף ! זָאלְסְט אִים מִיט שְׁטֶעקִינְס פוּן אוּנְז טְרֵייבִּין !

יָאזֶעף (קוּקְט אוֹיף אִים) עֶר אִיז נִיט שׁוּלְדִיג. דִיא מוּמֶע הָאט אִים דֶער צוּ אָן גִירֶעדְט.

דָוִד וֶועלְוִויל (לוֹיפְט צוּ אִיר צוּא) וִויא אִיךְ בִּין אַ יוּד אַז אִיךְ בִּין גָאר נִיט שׁוּלְדִיג ! (וֵויינֶענְד) הָאט רַחֲמָנוּת לִיבֶּע שְׁוֶועגֶערִין טְרַייבְּט מִיךְ נִיט אַ רוֹיס פוּן אַייךְ אִיךְ וֶועל שׁוֹין קַיין מָאהְל דִיא מוּמֶע נִיט פָאלְגֶען !

יָאזֶעף מִיט מֵאִירִין, עֶר אִיז פֶערְצַייהוּנְגְס וֶוערְטְה ! עֶר הָאט דָאךְ מִיט זַיין אֵייגֶענִים שֵׂכֶל דָאס נִיט גֶעטְהוּן !

הֲדַסָה (וִוישְׁט אִים אָפּ דִיא טְרֶערִין) נוּא שַׁא וֵויין נִיט אִיךְ פֶערְצַייהֶע דִיר !

דָוִד וֶועלְווִיל (קוּשְׁט אִירֶע הֶענְד) אִיךְ וֶועל שׁוֹין טַאקִי אַייךְ תָּמִיד פָאלְגִין !

(פְּרַאדִיל קוּמְט אַרַיין גֶעקְלֵיידֶעט אֵיין פַאךְ מִיט אַ שְׁוַוארְצִין שַׁאל אוֹיפִין קָאפּ).

---

24 טער אויפטריט

פראדיל אונד דיא פאריגע.

פראדיל (לויפט צו צו מאירן פאלט אים צו דיא פיס) האב רחמנות מאירל טרייב מיך ניט ארויס פון מיין שטוב!

הדסה, וואס הייסט דאס?

יאזעף מיט מאירן, פאר איר שלעכטטיגקייט איז דאס! מיר האבן פון אונזער פאטער א וועכסיל בעקומען אויף 10 טויזענד רובל, אלזא איז דאס גאנצע פארמעג זיינס שוין אונזערס ווארין ער האט ניט אזוי פיל געלד אונז צו בעצאהלין, אים געהמין מיר צו אונז אונ דיא מומע (טייטין אויף איר מיט דיא פינגער) שטופין מיר ארויס וויא אזוי זיא שטייט אונ געהט!

דוד וועלוויל. איך קוועל, איך קוועל! א מצוה!

הדסה. מערדעבייא עקסעסטירט ניט עוויג גאטט בעצאהלט!

מלכה. גאטט וויל קיינעם ניט שולדיג זיין!

שמואל זרח. דער אויבערשטער ווארט לאנג אונ צאהלט גיך:

פראדיל (זעצט זיך אויף דעם בעט, נעבין יאנקלין, וויינט) האט רחמנות קינדערליך. איך וועל שוין זיין גוט צו אייך וויא א אייגענע מוטער!

מאיר. א נעגערין פערבייט ניט איר פעל, אונ א אשה רע איר הערץ! (ער שטעלט זיך געגין איר, נעבין אים יאזעף מיט הדסהן, עטוואס ווייטער. דוד וועלוויל מיט מלכהן, שמואל זרח געבין מאירן פון צווייטין זייט.

מאיר, יאזעף, הדסה אונד מלכה (זינגען דעם ליד) דוד וועלוויל (הייבט מיט דיא אקסלען וועהרענד זייא זינגען, הוידעט זיך הין אונד הער ברומט אונטער) שמואל זרח (קנאקט צו מיט דעם פינגער שמייכלט, ברומט אונטער).

זעהט איר מענשין וואס עס ווערד
דער סוף פון מערדיר אויף דער וועלט
וואס זייא דיינקען ווערד פערקערט
אויף זייערי קעפ ווערד דאס אפ גישטעלט.

ווער

ווער צו טיידטין יענים זעהט
דער ווערד זעלבסט אליין געטיידט
ווער עס לאזט א מארד־פערפירען
דער ווערד פערפאקט אונטער שטארקע טירען.
ווער עס רויבט פרעמדי געלד
דער בלייבט ארעם אויף דער וועלט
אט אזוי אט אזוי ווערין זייא בעגראבין
אט אזוי אט אזוי וועלין זייא קיין גוטס ניט האבין.

(שטייטן אלע מיט די פינגער אויף די דרייא פערזאנען)

אט אזוי אט אזוי ווערין זייא ביגראבין
אט אזוי אט אזוי
וועלין זייא קיין גוטס ניט האבין!

שמואל זרח (קערט איבער) בײד וועלוויל האָט זיך זינגט

אט אזוי אט אזוי ווערין זייא בעגראבין
אט אזוי אט אזוי וועלין זייא קיין גוטס ניט האבין!

פארהאנג פאלט.

ענדע